שנה ד'
**גליון ע"ז**

**חג הפסח**
תשפ"ה לפ"ק

בעזהשי"ת

# בקודש פנימה

## שיחות קודש מכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

גליון פנימי לאנ"ש חסידי פאפא • י"ל ע"י 'מערכת פאפא'

**מדור שיחות קודש ———— א**



לקראת היארצייט של אמא של מלכות הרבנית הצדיקת ע"ה י"ז ניסן

**שיחה ה' בסדרת שיחות קודש בעת שבעה דנחמתא אחר פטירת הרבנית ע"ה**

**מדור דברות קודש ———— כח**

בתוכן:

עבודה בחודש ניסן / **סייעתא דשמיא להנצל ממשהו חמץ** / אפיית מצות אצל צדיקים / **אמונת צדיקים** / פסח זמן של שמירת הדיבור / **תורה עם יראת שמים** / זמן של התחדשות / **הכרת הטוב לעוסקים במלאכת הקודש** / ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים / **ועוד**

**חסידים דערציילן ———— לה**

**בדיקת חמץ** / קרבן פסח בימינו / **שבשפלנו זכר לנו** / דביקות אצל הסדר / **תפלה בזמן** / מנהג אבותינו בידינו

שיחת קודש של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א בעת **השבעה דנחמתא לפטירת אמה של מלכות הרבנית הצדיקת ע"ה** אשת חבר כ"ק מרן אדמו"ר זצוקללה"ה עם **כ"ק האדמו"ר מסאטמאר שליט"א**

**יום ב' אחרי אחה"צ שנת תשע"ט לפ"ק**

**מרן שליט"א**: מ'זאגט נאך אויף הרה"ק צאנזער רב זי"ע, אז ס'האט זיך אמאל אויסגעגאסן ביי איינעם די יוהך אויפ'ן בגד, האט זיך איינער אנגערופן, "ס'שטייט דאך (שבת קיד.) תלמיד חכם שנמצא רבב על בגדו", האט זיך יענער אנגערופן, "ווער זאגט אז איך בין א תלמיד חכם?" ס'שטייט דאך (ירושלמי ברכות מכות ב, ו) אז טאמער מ'געבט פאר איינעם כבוד ווייל ער האט געלערנט אסאך, איז מען מחוייב צו זאגן אז מ'האט נישט געלערנט אזוי סאך, האט צאנזער רב געזאגט, "וויאזוי ווייסטו וויפיל כבוד ס'קומט פאר איין הלכה?!"

כ'האב געטראכט אז דאס זעלבע זאך ביי מצות כיבוד אב ואם, אז יעדע מאל וואס מ'איז מכבד די עלטערן איז עס א געוואלדיגע מצוה, אפילו יעדע קליינע פעולה.

**האדמו"ר מסאטמאר**: ווען דער זיידע ז"ל הרה"ק העצי חיים מסיגוט זי"ע האט מספיד געווען די מוטער, די רביצין פון

**צוויי טויזענט מאל תהילים!**

**וועט ווערן אויסגעזאגט דורך חסידי פאפא**
ביום המסוגל שביעי של פסח הבעל"ט
פרטים אויף עמוד ט'
גשר לקשר
א בריק צום קשר של קיימא

הרה"ק הקדושת יו"ט זי"ע (הרבנית הצדיקת חנה ע"ה בת הגה"ק רבי יואל אשכנזי זצ"ל מזלאטשוב), האט ער געזאגט אז ער האט פארלוירן א חפץ של מצוה, די מצוה פון כיבוד אם.

**מו"ץ הרה"ג ר' יצחק אהרן גאלדבערגער שליט"א:** דער מהר"ם מרוטנבורג איז דאך אוועקגעגאנגען פון זיין טאטן, ווייל ער האט געפילט אז ער קען נישט מקיים זיין די מצוה פון כיבוד אב, דערפאר ער האט נישט געוואלט זיין נעבן דעם טאטן[א].

**דומ"ץ שליט"א:** די מאמע ע"ה פלעגט אלעמאל זאגן אז דער זיידע הרה"ח ר' יואל וועבער ז"ל [ב] איז געווען א

---

**א.** ראה מה שכתב רמ"א (יו"ד סימן רמ סעיף ז), ובטורי זהב שם (ס"ק ט), שהוא היה רב ולא רצה שאביו יכבדו ויקום לכבודו, ולכן מיום שעלה לגדולה לא הקביל פני אביו ולא רצה שאביו יבא אליו.

**ב.** הרבנית הצדיקת היתה בת הגה"צ ר' יששכר בערמאן וועבער זצ"ל בן הרה"ח ר' יואל וועבער ז"ל. נולד בשנת תרי"ח לאביו הרה"ח ר' יוסף ז"ל ממאקאווא, מלפנים למד אצל הרה"ק רבי שמואל מדאראג זי"ע, הגה"ק רבי אברהם יצחק וויינבערגער זצ"ל מקליינווארדיין, והגה"ק רבי משה נתן יונגרייז זצ"ל מטיסא פירעד בעמח"ס מנוחת משה ותורת משה נתן, שעיטרו בתואר החבר, ובשנות תרל"ח - תר"מ למד אצל הייטב לב. בשנת תרמ"א נשא את בת הרה"ח ר' צבי הירש שווארץ ז"ל מוואדקערט שהיה מכונה "ר' הארש שווארץ". וראה עוד עליו במכתב מנכדו הג"ר משה וועבער זצ"ל דומ"ץ קהל מחזיקי הדת בעלזא ב"ב (נדפס בקובץ אור הצפון לו): זקיני הרה"ח הנודע בכל סביבבתו בצדקתו וחסידותו מו"ה ר' יואל וועבער ז"ל,


קול רנה וישועה באהלי צדיקים

פאפא

בקידה ובהשתחויה מול פני הקודש נשגר בזה ברכת מזל טוב מעומק לבבינו, מול פני המנורה הטהורה, בוצינא קדישא, עמוד האש ההולך לפני המחנה, עטרת תפארת ישראל, אבינו רוענו

כבוד קדושת מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

לרגל השמחה השרויה במעון הקודש

באירוסי הנכדה הכלה בת חדב"ן הרה"צ **רבי מיכל דייטש** שליט"א רב דקהל מעייני הישועה

ברכת מזל טוב להסבים הגה"צ **אב"ד שימלויא** שליט"א, הגה"צ **אב"ד מקור חיים** שליט"א, הגה"צ **רבי ליפא זעגלבוים** שליט"א מ**וויען-פלעטבוש**, הגה"צ **אב"ד צאנז-וומס"ב** שליט"א, הרה"ג **ר' משה מנחם זעגלבוים** שליט"א רב ביהמ"ד **ישמח ישראל אלכסנדר וומס"ב**

ואנו תפלה שמשמחת בית צדיקים זו ישפע שפע רב לנו ולכל ישראל, וירוה כ"ק מרן שליט"א רוב תענוג ונחת מכל יוצ"ח, ונזכה עוד רבות בשנים לחסות בצל הקודש, עדי נזכה שהוא יוליכנו קוממיות לארצנו, בב"א.







תלמיד פון הרה"ק הייטב לב זי"ע, און ביי זיין חתונה האט אים דער ייטב לב געשריבן א 'כתב מורינו', און דער זיידע ר' יואל האט דאס ביי זיך אין שטוב אויפגעהאנגען אויפ'ן וואנט. די מאמע האט מיר געזאגט, "היינט הענגט מען אויף א שיין בילד אויף די וואנט, אבער ער האט 'דאס' אויפגעהאנגען, און ער האט יעדן טאג געקוקט דערויף".

ס'איז א חידוש אז ער איז געפארן פון מאקאווא קיין סיגוט, דאס איז נישט אין די זעלבע געגנט, ס'איז היינט אויך נישט אזוי נאנט.

**האדמו"ר מסאטמאר**: דער ייטב לב האט זיך שטארק אויפגעטון מיט זיינע תלמידים, ער האט געזאגט אז ער וועט זיך נישט שעמען מיט די תלמידים נישט בזה און נישט בבא. אויף די מציבה האט ער געהייסן שרייבן "העמיד תלמידים הגונים".

כ"ק מרן הערוגת הבשם זי"ע האט דאך אויך א נאמען געגעבן פאר זיין זון נאכ'ן ייטב לב, דער יארער רב האט געהייסן יקותיאל יהודא [הגה"ק רבי יקותיאל יהודא מיארע זצוק"ל].

אמאל איז איינער געקומען צום זיידן דער ייטב לב, און דער ייטב לב האט אים געפרעגט, "ווער ביזטו?" האט יענער געפרעגט, "דער רבי דערקענט מיר נישט?" ער האט געהאלטן אז דער ייטב לב האט אים געדארפט דערקענען אז ער איז דער און דער, האט דער ייטב לב זיך אנגערופן, "אה, איך דערקען דיר יא, דו זעסט דאך אויס פונקט אזויווי פאר צוואנציג יאר צוריק"... האט יענער אזוי געקוקט אויפ'ן ייטב לב נישט וויסנדיג וואס ער מיינט, האט אים דער ייטב לב געזאגט, "ווען דער הומנא רב [כ"ק מרן הערוגת הבשם זי"ע] קומט, דערקען איך אים נישט, ווייל פון מאל צו מאל וואס איך זע אים שטייגט ער, אבער דו זעסט אויס אזויווי פאר צוואנציג יאר צוריק"...

**הגרי"א גאלדבערגער**: אין ספר ייטב לב איז דא הערות פונעם ערוגת הבשם אלס הומנא רב.

**האדמו"ר מסאטמאר**: אין ייטב פנים סוף דעם צווייטן חלק (דף רכו.) איז דא א תשובה וואו דער זיידע פארענטפערט אים פארשידענע זאכן וואס ער האט געפרעגט אויפ'ן ספר ישמח משה [ג]. ס'איז אויך דא א תשובה צום ערוגת הבשם אין שו"ת אבני צדק (יו"ד סימן קג) [ד], נאך פון די שטאט טשארנא נאך פאר ער איז געווען רב אין הומנא.

אין שו"ת ערוגת הבשם חלק יו"ד (סימן קכד) איז אויך דא א לאנגע תשובה צום קדושת יו"ט איבער די וויינען פון איטאליע, דער ערוגת הבשם ברענגט דארט אראפ פון תשובות אבני צדק וואו דער זיידע ז"ל דער ייטב לב האט שוין מעורר געווען וועגן די יינות [ה].

**דומ"ץ שליט"א**: ס'איז איז דא די באקאנטע מעשה אז דער ערוגת הבשם האט געזען דעם ספר ייטב לב, און ער האט געזוכט אינעם שער בלאט ווער ס'האט מחבר געווען דעם ספר.

---

תלמיד מובהק מבעל הייטב לב זי"ע, שעטרו בתעודת 'מורינו' אשר מונחת ברשותנו, ומעת חתונתו קבע מושבו בעיירת ש'וואדקערט והפיץ שם בכל הסביבה תורת החסידות לאנשי המקום שהיו נוהגים בנוסח אשכנז כתלמידי מרן החתם סופר זי"ע, ומשם נסע גם לבעלזא, ועל ידי התעוררותו התחילו גם קצת מאנשי מקומו להתקרב לרבותינו הק', ואחד מצעירי אחיו הרה"ח ר' אפרים ממאקאווא ז"ל היה כבר יושב ולומד בבעלזא.

**נפטר** ביום ט"ו בשבט תרצ"ז לפ"ק. על מצבתו חרות: "פ"נ האי עניו האי חסיד זקן שקנה חכמה, תלמיד ותיק וחביב להגה"ק בעמח"ס ייטב לב, נשא ונתן באמונה, עסק בתורה יום ולילה, בניו גידל על ברכי התורה והיראה, האציל מחסידותו ופרישותו לרבים מבני עירינו, נזר ראשינו עטרת תפארת משפחתינו ירא ושלם מוהר"ר יואל ז"ל בן מוהר"ר יוסף וועבער זצ"ל".

**ג.** וז"ל בייטב פנים שם: נשאלתי מאת הרב המאור הגדול וכו' מו"ה משה גרינוואלד אבדק"ק הומנא, על מה שכתב מוזלה"ה בספר ישמח משה וכו'.

**ד.** בשו"ת אבני צדק (שם) כותב לו הייטב לב תשובה מאהבה, ומתחיל בזה הלשון: ישאו הרים שלום וברכה לכבוד אהובי ידידי הרב המאור הגדול חריף ובקי מגיד מישרים מו"ה משה גרינוואלד נ"י מטשארנא ומצו"פ [ומצודתו פרוסה] לק"ק הומאנא יצ"ו, נעימות ימינו הגיענו ונמטי' אפריון אשר שם עינו ולבו בספר ייטב לב לדקדק אחריו עד מקום שידו מגעת וכו', דפח"ח היטב אשר דיבר שזה דבר מושכל ונבון ומקובל וכו' ויישר כחו וחילו לאורייתא בקדמיתה ובתרייתא.

**ה.** וז"ל שם בשו"ת ערוגת הבשם: שלום וכל טוב לכבוד ידיד נפשי הרב הגאון המפורסם ציס"ע בוצ"ק חו"פ עה"י פה"ח נ"י וכו' כקש"ת מו"ה חנניא יו"ט ליפא ט"ב (שליט"א) [זצ"ל] אבדק"ק סיגוט יע"א. אחדשהדרג"ק יקבל רצוף פה העתק מהמכתב גלוי בענין התיקונים על החששות והמכשולות שביינות העשויין באיטאליע וכפי אשר המתקנו סוד פה אל פה ליתנו בדפוס לחלקו ביעקב ולהפיצו בישראל וכו'.

**והנה** גם ביינות הנעשים במדינותינו כבר התעורר מרן הגוה"ק בעל ייט"ב לב ותשובות אבני צדק בשנת תרל"ח, להרים קול כשופר וברב כחו עשה תיקונים אשר העלה על מזבח הדפוס, והפיצם במדינתנו ונדפסו גם בסוף ס' רב טוב, והיות כי מאז חלפו עידן ועידונים, ובעו"ה לא אכשיר דרי בדין הוא לחדש הדר זיוום, להעתיקם בכאן, בפרט כי כמה הלכתא גבורתא איכא למשמע מנה, במה שנוגע למאי דקמן וכו'.

**מרן שליט"א**: יא, דער ערוגת הבשם האט געוואלט קענען דעם מחבר, אבער דער ייטב לב האט נישט געשריבן זיין נאמען אינעם ספר, האט ער זיך נאכגעפרעגט ווער דער מחבר איז, און ער איז דעמאלטס געפארן צום ייטב לב[ו].

**האדמו"ר מסאטמאר**: פון טאטן [כ"ק האדמו"ר הברך משה מסאטמאר] זצ"ל האב איך געהערט, אז כ"ק מרן הקרן לדוד זי"ע איז דאך געווען רב אין די ווישעווע'ס, און דער קרן לדוד איז געווען שטארק בידידות מיט'ן זיידן דער עצי חיים, טאקע זייענדיג דארט אין די ווישעווע'ס, און ווען מ'האט געבעטן דעם קרן לדוד צו ווערן רב אין סאטמאר איז ער געקומען זיך מתייעץ זיין מיט'ן זיידן דער עצי חיים צי ער זאל גיין קיין סאטמאר.

**מרן שליט"א**: ס'איז דא א מעשה וואס איז געווען יום טוב סוכות צווישן דער קרן לדוד מיט'ן עצי חיים, בשעת די ערשטע קריג.

**האדמו"ר מסאטמאר**: דאס איז געווען אין די ווישעווע'ס, ווען מ'האט געפליכטעט ביים ערשטן קריג, און מ'האט

---

**ו.** ראה מה שכתב כ"ק מרן זצוק"ל (בהקדמה לספה"ק ויגד יעקב במדבר): שמעתי מדו"ז [הגה"ק ר' יעקב יחזקי' מחוסט זצ"ל] שכ"ק אא"ז זצ"ל הערוגת הבשם סיפר בעצמו איזהו חילוק הי' אצלו בין ראשונה שנסע לצדיק לפעם שני', כי תחילת נסיעתו לצדיקים הי' בהיות משכנו בעיר טשארנא, ונסע להגה"ק בעל ייטב לב זצ"ל לסיגעט, כי נזדמן לו ספר ייטב לב ומאד נתפעל ונתלהב לבו מהספר, ודרש וחקר מי הוא המחבר של ספר זה עד שנודע לו ונסע אליו, ובפעם ראשונה הי' מחשב על הדרך מי יודע אם לא ירחקו אותו שם בהיותי ממקום רחוק ואין לי שום מכיר שמה ויהא לי חלישות הדעת, אך התחזק עצמו הלא הוא רבי וא"כ צריך שידע לקרב אותי, ובפעם ב' הי' מחשב בנסיעתו הלא הוא רבי וא"כ ירגיש איך אני עומד ברוחניותי ובאיזה פנים אני נכנס אליו.




שוין נישט געקענט געהעריג גיין ווייל אלע וועגן זענען שוין געווען פארשפארט, און דער קרן לדוד האט זיך צאמגעטראפן מיט'ן זיידן אינמיטן וועג און זיי זענען געפארן אין איין וואגן. דער קרן לדוד האט דעמאלטס געזאגט א מליצה מזמור לדוד בברחו (תהלים ג, א), אז דאס אליין אז מ'קען נאך אנטלויפן איז א מזמור [ז].

**ז.** ראה בספה"ק קרן לדוד (בליקוטים שבסוף ספר בראשית): **מזמור לדוד בברחו מפני אבשלום בנו, וידוע קושית הגמרא (ברכות ז:) קינה לדוד מבעי' ליה, ואמרתי לרשום למזכרת לבל אשכח חסדי ה' הגומל לחייבים טובות שגמלנו כרחמיו וכרוב חסדיו, והבנתי אז פי' הכתוב מזמור לדוד בברחו, במה שאירע לי בעת שהייתי מוכרח לברוח מביתי ומקהילתי ק"ק ווישווא יע"א מפחד אויב הבאה בשערי המדינה מחמת המלחמה האיומה בשנה זו שנת העת"ר לנו, ביום ה' למחרת יוה"כ אשר נודע כי גבר אויב ובא בגבולינו ובמוצאי יום הקדוש באו אלי נכבדי קהלתי והפצירו בי שאסע כאור בוקר בלי שום ספק, והיה בעיני קשה לעזוב קהלתי להיות מעשרה ראשונים היוצאים מהעיר, ובפרט שהפצירו בי רבים שלא אעשה כזאת להעלות עוד ע"ז פחד באנשי קהלתי, ונשארתי, עד שבאור ליום ו' עש"ק פתאום בא השמועה כי קרב האויב לעירינו ותהום כל העיר אנשים נשים וטף הרצים יצאו דחופים אנה ואנה לבקש אופן לברוח כי לא נמצא בכל העיר עגלה לשכור ונפשינו נבהלה מאוד ואין מקום לנוס, ותהי חרדת אלקים עד שבעודי משתומם ומצפה לישועה בא אלי אחד מאנשי קהלתי ואמר לי שיש לו עגלה ואסע אתו עמו עם כל אשר לי, וברכתי ברכת תודה לה' וכאשר זכיתי לישב על העגלה מלאה לבי תודה לקל ית' אשר הטיב חסדו עמדי ויצאתי לשלום בעש"ק באשמורת הבוקר עד שבאתי לישוב סטרימבע סמוך להכנסת כלה בלי מלבושי שבת וטלית ותפילין ובלי אוכל מאומה מחמת אימה ובהילות ומהירות שכחנו כל זאת בביתי ותחת אשר אמרתי כי יצאנו ממקום הסכנה.

**פתאום** בש"ק בעת ישבנו בסעודה אחר צהרים בחברת הרב הגה"צ מסיגעט שליט"א [ה"ה העצי חיים ז"ל], באה השמועה



כי אי אפשר ליסע עוד רק עד חצי שעה ואחרי כן יקלקלו הדרך מטעם מנהלי קרב לעכב השונא בקרבתו ונבהלנו מאוד והיינו נפחד כל הזמן עד מוצש"ק אשר רצינו ליסע להלאה, אבל הקול נתחזק שאי אפשר ליסע כלל, מחמת עיכוב הבעלי מלחמה שקלקלו הדרך, ואנחנו היינו בפחד ובהלה מבלי לשית עצות בנפשינו וגם נשארתי בלי עגלה כי לא היה אפשר למצוא עגלה בכל הכפר וכבר נתייאשתי מליסע, עד אשר בחמלת ה' עלינו באה עגלה ריקנית בחצות הלילה כאשר אנחנו עומדים בחוץ לטכס עצה מה לעשות והעמדנו העגלה ונתרצה לשוב עמנו בדרך.

**וכאשר** זכינו לשבת על העגלה מלאים גיל וחדוה בתודה לה' אשר הטיב עמנו לברוח ממקום סכנה, כי ביום ב' ביו"ט של סוכות כבר בא האויב עד הכפר הנ"ל, והנשארים יראו ופחדו פחד גדול ונמלטו באחד ההרים, וה' ברוב רחמיו וחסדיו הסיב לב האויבים ושבו לדרכם בחוה"מ בבוקר ולא הרעו ב"ה מאומה וניצלנו מחמת האויב, ואני בחמלת ה' עלי ברחתי בעוד זמן לבוא על יו"ט של סוכות לקהל בעטלאן יצ"ו ומצאתי ב"ה סוכה נאה לקיים מצות סוכה כהוגן.

**והבנתי** אז בזה המעשה כוונת דוד המלך ע"ה שאמר מזמור בברחו מפני אבשלום בנו, כלומר על שהיה בידו לברוח על זה גופא אמר מזמור ותודה לה', ונתיישב קושיית הגמרא, ורשמתי כל זה למזכרת לבל אשכח חסדי ה' אשר גמל עלי כן ה' אלוקינו יעורר רחמיו וחסדיו עלי ועל עמו כלל ישראל בכלל ובפרט שהם בעת צרה ואין להם להשען כי אם על אבינו שבשמים ויושיעני בקרוב למען שמו וישים שלום בעולם ויקרב ישועת ישראל ויגאלנו גאולת עולם אמן.

**כמו** כן מזכירו בספרו קרן לדוד על המועדים (בדרושים לשבת שובה, דרוש ח') וז"ל: ד"ת שאמרתי בקהלתי קהלת ווישאווא יע"א שנת העת"ר לנו, ורשמתי לזכרון בספר פה ק"ק טשארנא יע"א כי הוצרכנו לברוח מקהלתינו ביום ו' עש"ק האזינו י"ב תשרי מפחד אויב שבא למלחמה בגבולינו, והשם ירחם עלינו ועל שארית פליטת בני ישראל ויצילנו מכל מיני צער ונזק, ונזכה לישועה




דעמאלטס זענען זיי אנגעקומען ערב סוכות אין א דארף נעבן גראסווארדיין, און מ'האט שוין נישט געקענט ווייטער פארן ווייל ס'איז שוין געווען נאנט צו יום טוב, האבן זיי געזוכט אן אכסניא וואו איינצושטיין דארט אין דארף, איז געווען א איד וואס האט דארט געוואוינט, ער איז נישט געווען דארט, ער איז נאך געווען אין פעלד, נאר דאס ווייב איז געווען אין שטוב, זענען זיי אריינגעקומען און זיי האבן געפרעגט צי זיי קענען זיין דארט ביי זיי אויף יום טוב, האט זי געזאגט אז 'יא', האבן זיי געפרעגט צי ס'איז דא א סוכה, האט זי געזאגט אז אינדרויסן איז דא א סוכה, זענען זיי ארויסגעגאנגען קוקן די סוכה, האט דער זיידע געזאגט אז די סוכה איז פסול, האט דער קרן לדוד געפרעגט, "פארוואס איז די סוכה פסול?" האט דער זיידע געזאגט, "די סוכה האט מען געמאכט קודם די סכך און נאכדעם די ווענט".

ווען דער איד איז אהיימגעקומען פון פעלד, האט מען אים געפרעגט צי ער האט געמאכט די סוכה, האט ער געזאגט אז 'יא', האבן זיי געפרעגט, "וויאזוי האסטו געמאכט די סוכה?" האט ער געענטפערט, אז ער האט אויפגעשטעלט שטאנגען און נאכדעם האט ער געלייגט די סכך, און שפעטער האט ער צוגעלייגט דפנות. האט דער קרן לדוד געפרעגט דעם זיידן, "וויאזוי האט איר דאס געזען?" האט ער געענטפערט, "ס'איז נישט קיין רוח הקודש, כ'האב גלייך געזען אויף די סוכה וויאזוי מ'האט דאס צאמגעשטעלט אז ס'איז אזוי געמאכט געווארן" [ח].

דער קרן לדוד האט זייער שטארק מספיד געווען דעם זיידן דער עצי חיים, ער האט זייער גרויס גערעדט פון אים, ס'איז געדרוקט אין קרן לדוד [ט].

מ'האט מורא געהאט צו דערציילן פאר'ן קרן לדוד אז דער זיידע ז"ל איז אוועק, מ'האט נישט געוואוסט וויאזוי מ'גייט אים עס זאגן, און ווען דער קרן לדוד איז אריינגעקומען אין ישיבה צום פארלערנען האבן די בחורים אראפגעלייגט די קאפ, האט דער קרן לדוד געפרעגט וואס ס'גייט פאר, האט איינער פון די בחורים זיך אנגערופן אז מ'דארף פארן קיין סיגוט, האט ער שוין אלעס באלד פארשטאנען.

**הגרי"א גאלדבערגער**: פון עצי חיים (שו"ת יו"ד סימן לה) דרינגען זיך אלע היינטיגע אחרונים אויף אז אפילו אין די שבעה מעג א רב דאווענען פאר'ן עמוד, אדער איינער וואס ס'הייסט ביי אים אבילות בפרהסיא, אנדערע ווילן נישט מקיל זיין אין די שבעה צו דאווענען פאר'ן עמוד.

**האדמו"ר מסאטמאר**: ער האט אויך א תשובה פון דאווענען פאר'ן עמוד אין די הייליגע טעג (או"ח סימן לט) [י]. דער פעטער [כ"ק האדמו"ר הדברי יואל מסאטמאר] זצ"ל האט אויך א תשובה (בשו"ת דברי יואל או"ח סימן כח) צו הרה"ק רבי יודא יחיאל מראזלא זי"ע איבער אזא שאלה [יא].

---

קרוב אכי"ר.

**ח.** הרה"ח ר' ישעי' שבתי זאפיר ז"ל סיפר מה ששמע מכ"ק האדמו"ר הברך משה מסאטמאר זצ"ל, שמרן הקרן לדוד זי"ע אמר אז להעצי חיים: "נישט אומזינסט זענט איר סיגוטער רב". (מרשימות האספן הר"ר מנחם מענדל אבערלאנדער הי"ו).

**ט.** ראה בספה"ק קרן לדוד (מועדים חלק ב' - דרוש לז' אדר שנת תרפ"ו) **דברי** הספד על העצי חיים: ואחרון אחרון הכביד כי עוד מעט ושבנו מהספידו של אותו צדיק מהאלמין (הגאון רבי אלי' קליין זצ"ל) **שמועה** שמענו וחרדנו ונהפכו כל פנים כי הרה"צ מסיגוט נחלה פתאום ל"ע במחלה נוראה וכל מקום שנודע השמועה המעצבת שפכו שיח ותפילות לבורא רפואות שישלח לו רפואה שלימה במהרה, אבל בעוה"ר נתקיים בנו סכות בענן לך מעבור תפילה (איכה ג, מד) כי שערי תפילה ננעלו ואראלים ומצוקים אחזו בארון ונצחו אראלים המצוקים. עיי"ש שהאריך מרן הקרן לדוד בדברי הספד עליו.

**י.** וז"ל שם בתשובה: נדרשתי לאשר שאלוני מק"ק טעטש אם מותר לבן דודי הרב החסיד מו"ה חיים ט"ב נ"י להתפלל בימים הנוראים והוא אבל תוך י"ב חודש אחר אביו דודי הגה"צ ז"ל (הגה"ק רבי אלי' בצלאל טייטלבוים זצ"ל אבד"ק טעטש בן הרה"ק הייטב לב זי"ע, נפטר ביום א' דר"ח אלול שנת תרפ"ב לפ"ק), ואחרי שדן בדברי המהרי"ל - שהוא המקור לדברי המגן אברהם (סימן תקפא סק"ד) שאבל אסור להתפלל בימים נוראים - מסיק בזה הלשון: וא"כ בנידון דידן דכולהו איתניהו ביה כפי ששמעתי אין כעת בקהילתכם מי שהוא קולו ערב כמותו וגם הוא מוחזק בחסידות והוא בן גדולים וטובים, א"כ לפי הלשון של המטה אפרים אדרבה מוטב שיתפלל הוא מאם יתפלל אחר וכו', ואדרבה י"ל כיון דכבר ביארתי דאינו אלא מנהג, א"כ באם לא יתפלל הוי כאבילות בפרהסיא כיון שמצד הדין והמנהג בכה"ג מוטב שיתפלל הוא, וא"כ הוא פרהסיא גדול.

**יא.** ה"ה חו"ז של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, הרה"ק האדמו"ר מראזלא זי"ע בעיר מאגרעטן, חותנו של חותן המלך הגה"ק רבי מאיר מטעטש זצוק"ל.

**ראה** שם לשון התשובה: ב"ה, יום י"ג ניסן ה'תרצ"ג, פה קראלי יצ"ו. שוכט"ס אל כבוד אנ"ש הנגידים והחסידים מופלגי תורה ויראה מנהלי הביהמ"ד ספרד במארגרעטן יצ"ו. אחדשת"ה, מכתבכם הגיעני בדבר המאור הגדול חו"פ בנש"ק כש"ת מוהר"ר יחיאל נ"י אשר הוא מוחזק להתפלל אצליכם בהרבה שבתות השנה ובימים טובים ובימים נוראים, ועכשיו הוא אבל ב"מ על אביו תוך י"ב חודש, ואתם מסכימים שיתפלל גם בשנה זו מה שדרכו להתפלל, ושאלתם חוו"ד וכו'.

**ומסיק** בזה הלשון: וא"כ אנן בנידון הרב הנ"ל, הנה כמוני כמוכם כולנו יודעים דליכא עדיף מיניה בביהמ"ד שלכם, הן מצד יחוס עצמו בתורה ובמעש"ט, והן מצד יחוס אבותיו אשר גם זה

**השיחה נסובה אודות הנחת תפילין דר"ת בימי האבילות שיש בזה מחלוקת בין המקובלים. והאר"י הק' לא היה מניח** (באר היטב או"ח סימן לח סק"ה).

**מרן שליט"א**: ס'איז דא עטליכע מהלכים, אלו ואלו דברי אלקים חיים.

ס'איז געווען דא א איד הרה"ח ר' יוסף ראזענבערג ז"ל פון די שעטנז-לאבאטאריע, ער איז געווען א וואוילער איד, איז ער אמאל צוגעקומען צו כ"ק מרן אאמו"ר זצוק"ל פרעגן וויאזוי מ'דארף צו טון, און וויאזוי דער רבי טוט, טאמער מ'קען נישט אנקומען מיט'ן דאווענען צום זמן תפלה, צי מ'איז מדלג ביים דאווענען אדער נישט, האט אים דער טאטע ז"ל געזאגט, "איך בין נישט מדלג"[יב], האט ער געפרעגט, "דער כלל איז דאך אז ווען די מקובלים מיט די פוסקים זענען מחולק נעמט מען אן ווי די פוסקים?" האט דער טאטע ז"ל געזאגט, "דאס אז מען פסק'נט ווי די פוסקים איז אויך על פי הלכה... אבער דער וואס פירט

---

מועיל לתפילה וכו', א"כ בלי ספק תוכלו לעשותו שליח להולכה בתפילה ותחנונים ותהיה תפילתו מקובלת ורצויה לפניו ית"ש.

**יב.** ויצויין הוראת כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א בזה, שאין לדלג בתפלה, וכשהזמן דחוק יכולים לדלג רק על פרשת העקידה, ואף זה לא באופן קבוע (מרשימות כמה חסידים).








תפלת רבים
ווארפט איין
מויערן!
יא! מיינע
ווארימע
קאפיטלעך
האבן די
כוחות צו
שפאלטן
די שידוכים
קריזיס
אלפי
אנ"ש
מתאחדים
לאמירת
תהלים
ביום
המסוגל
שביעי
של פסח
פארלאפענע יארן נאך שביעי
של פסח האט מען ב"ה געזעהן
בקרב אנ"ש אפענע ישועות!
גשר לקשר
929.992.3824
ניסן תשפ"ה:
בין הזמנים שידוכים סעזאן

זיך אזויווי די מקובלים קען זיך פירן אזוי". דאס הייסט אז ס'איז נישט גלייך ביי יעדעם איינעם, וויאזוי ער דארף זיך צו פירן.

*

**האדמו"ר מסאטמאר**: ווען דער ערוגת הבשם איז געווען רב אין קליינווארדיין, איז געווען א דין תורה איבער די גארליצע רבנותביים ערוגת הבשם, הרה"ק דער גארליצער רב זי"ע איז דאך געווען א זון פון הרה"ק דער דברי חיים זי"ע, האט איינער געזאגט פאר'ן ערוגת הבשם אז ער זאל וויסן אז דער דברי חיים וועט זיין דא ביי די דין תורה פון זיין זון, און יענער האט געוואלט אז ער זאל זיך איבערשרעקן, האט דער ערוגת הבשם געזאגט, "אזוי?! דער הייליגער דברי חיים גייט זיין דא? זאל מען אויפמאכן די טיר כדי יעדער זאל זען אז מ'איז מקיים דעם לא תגורו מפני איש"...

**מרן שליט"א**: יא, כ'האב געהערט די מעשה פון טאטן ז"ל און פון הגה"ק צעהלימער רב ז"ל[יג].

---

**יג.** ראה בתולדות ערוגת הבשם (דפוס תשע"ו עמוד תקעו), שבעת שהשמיע מרן הערוגת הבשם זי"ע את פסק דינו לטובת הצד האחר, נכחו שם כמה ממשפחת הרה"ק מצאנז זי"ע, ומששמעו את הפסק אמרו למרן הערוגת הבשם: "קליינווארדיינער רב, זעט איר נישט דעם צאנזער זיידן שטיין דא און שרייען אז



ער האט קודם נישט געוואלט אננעמען די דין תורה, אבער נאכדעם וואס ער האט עס שוין אנגענומען האט ער שוין אנגענומען [יד].

**דומ"ץ שליט"א:** הרה"ק שינאווער רב זי"ע האט זיך אויסגעדרוקט דעמאלטס אויפ'ן ערוגת הבשם א לשון, "משה אמת ותורתו אמת, ואנו אין לנו אלא דברי בן עמרם" [טו].

**האדמו"ר מסאטמאר:** דער ערוגת הבשם איז אמאל געווען אין שינאווא אין די ניין טעג, און ס'איז געווען א סיום, און מ'האט אים מכבד געווען צו בענטשן אויף א כוס, און ער האט געבענטשט אויף א כוס של יין, און ער האט אריינגעטראכט צי ער מעג טרינקען דעם כוס, ווייל ס'איז דאך שוין נאך די סעודה פונעם סיום, און דער שינאווער רב האט עס מרגיש געווען, ווען ער האט געענדיגט בענטשן האט אים דער שינאווער רב געזאגט, "עבידנא יומא טבא לרבנן, ס'איז א יום טוב א גאנצן טאג".

**הגרי"א גאלדבערגער:** מ'צייכנט צו אויף די מעשה אז דער משנה ברורה פסקנט אויך אזוי (סימן תקנא ס"ק עב בשם הפרי מגדים).

**מרן שליט"א:** מ'רעדט פון משנה ברורה, ס'איז דא ארויסגעקומען א ספר פון איינער פון די תלמידים פון הגה"ק החפץ חיים זצוק"ל, איבער פארשידענע מקומות וואו דער משנה ברורה איז זיך סותר, און אויף איין פלאץ אין דעם ספר פרעגט ער דארט איבער אזא סתירה, און ער איז מכריע אויף איין צד אז דאס איז ענדערש די הלכה ווייל דאס האט דער משנה ברורה אליין געשריבן, ווייל די קינדער האבן צוגעהאלפן דעם חפץ חיים שרייבן דעם חיבור, און יענע הלכה האט ער נישט אליין געשריבן, נאר דער זון האט דאס געשריבן.

ביי אונז האט מען מברר געווען, אז איינער האט געפרעגט פון טאטן ז"ל אויף די זעלבע שאלה פון די צוויי משנה ברורה'ס און ער האט אויך פונקט אזוי גע'פסק'נט אזוי ווי יענער שרייבט דארט וויאזוי די הכרעה איז, אבער דער טאטע ז"ל האט נישט געוואוסט וועגן דעם חשבון אז דאס איז די סיבה, נאר ער האט מדעתו אויך אזוי מכריע געווען.

ס'איז א באקאנטע זאך אז דער חפץ חיים איז געווען אמאל אין קליינווארדיין, און ער האט געזען דעם ערוגת הבשם, און יארן שפעטער האט ער זיך נאכגעפרעגט וואס ס'טוט זיך מיט דער איד אין קליינווארדיין וואס האט שמירת הדיבור. דער ערוגת הבשם האט דאך זייער וויניג גערעדט.

**האדמו"ר מסאטמאר:** מ'האט געוואלט אויפנעמען דעם ערוגת הבשם קיין טארנא אין גאליציע, אבער ער האט נישט געוואלט גיין.

**מרן שליט"א:** ער האט פארשטאנען אז ער וועט נישט קענען מרביץ תורה זיין אזויווי אין אונגארן, ס'וועט נישט גיין דארט. הגה"ק רבי שמעון סופר זי"ע האט יא גענומען א פאסטן אין פוילן-גאליציע, און ס'האט אים ווי געטון אביסל אז ער איז געגאנגען אהין.

---

איר זאלט נישט טשעפענען מיט זיינע קינדער", השיבם מרן הערוגת הבשם בגערה, "אודאי זע איך אים! איך זע ווי ער שטייט דא און שרייט אז כ'זאל מקיים זיין די מצוה אין די תורה לא תגירו מפני איש".

**וראה** עוד שם (עמוד תקעב), שלפני שהוציא מרן הערוגת הבשם זי"ע את פסק דינו, אמר לו הבורר מצד משפחת הרה"ק מגארליץ זי"ע ה"ה הגה"ק מראדומשילא זצוק"ל, ששמע קול יוצא מקלי העיר שאם לא יצא הדין לטובת הרה"ק מגארליץ, ילבשו בגדי נקם לכבודו, וינקמו מאת מרן הערוגת הבשם, עד כדי כך שלא יוכל לחזור לביתו, ולכן ייעץ לו הגה"ק מראדומשילא שכיון שזה כרוך בסכנות נפשות, על ילך קודם לביתו ומשם ישלח את הפסק דין. אולם מרן הערוגת הבשם לא נתפעל מכל זה ואמר בתוקף ועוז: "מצות עשה מן התורה לא תגירו מפני איש כי המשפט לאלקים הוא (דברים א, יז), על כן איני מפחד משום בן אדם, ולא אחזור לביתי עד שאשמיע את הפסק דין, ופסק כזה הייתי אומר גם לפני בית דין של מעלה". ואכן כן עשה, שבהגיע יום המיועד יצא מרן לחצר בית המדרש ששם נאספו הציבור לשמוע הפסק, ומרן אמר: לשם יחוד וכו', וקרא את הפסק דין בפני כל עם ועדה, ורק אחר כך נסע לביתו. כאשר הגיעו הדברים לפני הגה"ק מראדומישלא עמד כמשתומם למשמע אזניו, ולימים רבים היה רגיל לומר שאופן קיום מצות התורה 'לא תגירו מפני איש', למד אז ממרן הערוגת הבשם.

**יד.** ראה עוד בספר תולדות ערוגת הבשם (עמוד תקעה-תקעו) שמעתיק מכתבו של מרן הערוגת הבשם אל הגה"ק מראדומישלא בענין הפסק דין: זולת זאת, מה שכתב שהי' לנו לחוס על כבודו של הה"צ מרודניק, הנה לא נכחד עצמו ממנו, ותמיד תהלתו בפי. גם מרן רשכבה"ג זי"ע מצאנז שמעתתי' במדרשינו כל היום. ומ"מ מה שכתב בזה לחוס על כבודם, לדבריו צריך לעקור ח"ו כמה לאוין המפורשים בתורה, כגון לא תהדר (ויקרא יט, טו) וכיו"ב. ומה שכתב שלא הי' לי להזדקק לדין זה כלל, תמיהני איך... בזה הישרה, אם אני המצאתי עצמי לדין זה לבחור אותי לשליש, הלא גלוי וידוע לכל העולם, כי לולי פני מרן הגאון הקדוש משינאווע שליט"א נשאתי, אשר פקודתו שמרה רוחי, אפילו אי הוי יהבי לי כל חללי דעלמא לא הייתי מזדקק לדבר, השתא מיהת אי אפשר לי לנטות ימין ושמאל מדרך האמת, ומה אעשה ואבי שבשמים גזר עלי לא תגירו מפני איש.

**טו.** רמז בזה לאביו של מרן הערוגת הבשם זי"ע, הגה"ק רבי עמרם מטשארנא זי"ע.

**האדמו"ר מסאטמאר**: ר' שמעון סופר האט געזאגט אז דער ייטב לב איז געקומען פון גאליציע קיין אונגארן האט ער מחבר געווען ספרים און ער האט אויפגעשטעלט תלמידים, אבער ער איז געגאנגען פון אונגארן קיין גאליציע האט ער נישט קיין ספרים און נישט קיין תלמידים... ס'איז דא א ספר פון אים מכתב סופר, אבער ס'איז נישט לפי ערכו וגדולתו.

ער האט געהאט אסאך עגמת נפש אין קראקא.

**מרן שליט"א**: הגאון דער טשעבינער רב זצ"ל האט דערציילט אז בײ די איינצוגס דרשה פון רבי שמעון סופר אין קראקא, האט מען אים געוואלט טשעפענען און אריינפרעגן ביים דרשה, האט ר' שמעון סופר דערציילט א מעשה, וויאזוי הגה"ק מרן החתם סופר זי"ע האט אים אויסגעלערנט א 'שם' וואס מ'קען מיט דעם אוועקלייגן א מענטש, און ער האט געזאגט אז ער געדענקט נאך דעם שם... הערנדיג דאס איז געווארן א גרויסע פחד אינעם גאנצן שול, און קיינער האט נישט געטשעפעט [טז].

---

**טז.** ראה בקונטרס הביקור (אדר תשנ"ז - עמוד עט) מה שסיפר הגה"צ רבי יצחק שלמה אונגער זצ"ל גאב"ד חוג חת"ס לפני כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, בשם הגאון מטשעבין זצ"ל: אספר עובדא נאה, הגם שכבר שמעתי את הסיפור אינדערהיים "איז עס ביי מיר זייער חשוב", לפי שהגאון מטשעבין זצ"ל בעצמו שהייתי מקורב




בביתו סיפר לי זאת, וכך סיפר לי בשם אביו, שכאשר רצו לעטר את ר' שמעון סופר בכתר הרבנות בקראקא, היה אז אבד"ק מאטעסדארף והיה צעיר לימים לערך חמשה וארבעים שנה בלבד, והרה"ק מצאנז זי"ע פעל הרבה שיקבלו אותו, וחסידי סאדיגורה היו נגד זה. "דער טאטע ז"ל האט געזאגט", מספר הגאון מטשעבין, שהיו אז בקראקא אברכים אשר ידעו ללמוד יותר מר' שמעון סופר ובתוכם גם אבי, וכאב להם "פארוואס דארף מען אימפאטירן רבנים פון אונגארן אויף גאליציע"... כלום חסר לנו מי שראוי לכתר הרבנות, אבל כיון שגדולי ישראל עודדו את הכתרתו, על כן נתמנה לאבד"ק קראקא.

**לקראת** שבת הראשונה פרסמו מראי מקומות מה שיאמר הרב אצל ה'איינצוגס-דרשה', והבני תורה הכינו עצמם לקראת הדרשה ובתוכם גם אבי, והחליטו שבשעת הדרשה "וועט מען אים שוין מסדר זיין"... אנשי ר' שמעון סופר נודע להם מזה וביקשוהו שידחה את הדרשה לאיזה שבועות "נאכדעם וואס די געמיטער וועלן זיך שוין בארואיגן", אבל הגר"ש סופר לא הסכים ורצה לומר את הדרשה בשבת הראשונה. את הדרשה אמר בתוך הרמ"א שול, "און היות מ'האט געוואוסט אז דא וועט זיין לעבעדיג, איז אנגעלאפן אן עולם קעפ אויף קעפ, ס'איז געווען סכנת נפשות", כי הרמ"א שול אינה גדולה כל כך.

**כשהגיע** עת הדרשה עלה ר' שמעון סופר לארון הק' והתחיל ואמר, רבותי! לפני שאני מתחיל את הדרשה אספר לכם מעשה, הנה בטח שמעתם מאבי החתם סופר, לאבי היה לו תלמיד בישיבה שלא נהג עצמו כשורה והקדיח תבשילו, והגם בדרך כלל לא רצה אבי לשלוח שום תלמיד מישיבתו אבל אותו תלמיד היה גרוע ביותר והיה מוכרח לשלחו, וכיון שהיו לאותו תלמיד קרובים מנכבדי העיר ממילא נעשה מזה עסק גדול. אותו תלמיד נסע לבסוף משם וירד מטה מטה, עד שנשא אשה וחזר לפרעשבורג והיה מחלל שבת בפרהסיא ופתח חנותו בריש גלי בעצם יום השבת.

**כשבאו** וסיפרו מזה לאבי החתם סופר, שלח אליו את אחי ר' בנימין וואלף (הכתב סופר זי"ע) ביום השבת, להזהירו שיסגור את חנותו, ואם לאו ידע בנפשו שהוא משחק עם אש. אחי הלך ומסר אליו את ההתראה ואותו פוקר זרקו החוצה. בשבת השניה באו אל החתם סופר וסיפרו לו שהמחלל שבת פתח שוב את חנותו, שלח אבי את אחי אליו בהתראה שניה שיסגור את חנותו כי הוא משחק עם אש. הלה זרקו שוב החוצה והזהירו שאם יבא אליו עוד "וועט ער אים געבן פעטש". בשבת השלישית כשסיפרו לאבי שפתח שוב את חנותו, שלח אבי את אחי וגם אותי, וצוה לנו שנלך אל אותו פוקר להזהירו שיסגור את חנותו, ואבי מסר אלינו שם הק' ואמר אלינו, "טאמער ער וועט אנרירן איינעם פון ענק" תכוונו לאותו שם הק' ואז יהיה דמו בראשו. הלכנו אליו ומסרנו לו את ההתראה, "און ער האט פאר מיין ברודער דערלאנגט פעטש", אז יצאנו מחוץ לחנותו ועמדנו וכוונו את השם הק' מה שצוה לנו אבינו, ואותו מחלל שבת כבר לא יצא בחייו מחנותו, "מ'האט אים ארויסגעפירט פון דארט"...

**רבותי!** המשיך ר' שמעון סופר, "שמעתי אז מ'וויל זיך דא נעמען

**האדמו"ר מסאטמאר**: יא, דאס איז געווען ביי זיין קבלת פנים, און דער טשעבינער רב'ס טאטע [הגאון רבי יעקב רימליוואער זצ"ל בעמח"ס כוכב מיעקב] איז דארט געווען.

**דומ"ץ שליט"א**: ווען דער ערוגת הבשם איז געפארן קיין בעלזא אין אנפאנג, איז ער נאך געפארן מיט'ן צילינדער.

**האדמו"ר מסאטמאר**: דער ייטב לב האט דאך געזאגט אויף אים אז מ'דארף זען וואס ליגט אונטער די צילינדער...

**הגרי"א גאלדבערגער**: הרה"ח ר' לייבוש מענדלאוויטש ז"ל האט מיר דערציילט וואס ער האט געהערט פונעם דברי יואל זיך אויסדרוקן אויפ'ן ערוגת הבשם בזה הלשון, "דאס איז מיר נישט קיין ספק אז דער ערוגת הבשם איז געווען א רב רבנן, נאר אפילו צווישן די רבי'ס איז ער אויך געווען פון די גרויסע" [יז].

**האדמו"ר מסאטמאר**: ס'איז דא פונעם ערוגת הבשם שאלות ותשובות אויף אורח חיים און יורה דעה, ס'איז דאך באמת געווען אויף די אנדערע חלקים אויך.

**מרן שליט"א**: יא, ס'איז נאבד געווארן ביים קריג, די כתבים זענען געווען פאר'ן קריג אין פאפא ביים זיידן כ"ק אא"ז מרן הויגד יעקב זי"ע, ס'איז געווען דארט אויך די תשובות פון די אנדערע חלקי שלחן ערוך.

**האדמו"ר מסאטמאר**: ס'איז א חידוש אז מ'האט עס נישט געדרוקט פאר'ן קריג.

**דומ"ץ שליט"א**: תשובות קרן לדוד איז אויך געווען אויף נאך חלקים, מ'האט נאר געדרוקט אויף שלחן ערוך או"ח, מ'האט נישט קובר געווען אלע כתבים פאר'ן קריג, די כתבים פון קרן לדוד חלק ב' על התורה וואס דער טאטע

---

ביי די דרשה, זאלט איר זיך גוט מיישב זיין, טאמער מיינט איר עס ערליך, דאן אדרבה מיני ומינך תסתיים שמעתתא, אבער טאמער חלילה מיינט מען נישט הונדערט פראצענט ערליך, זאל מען וויסן אז איך האב נאך דעם 'שם' נישט פארגעסן"... וסיפר הטשעבינער רב, "דער טאטע האט מיר געזאגט אז ס'איז געווען סכנות נפשות אין בית המדרש, ווייל מ'איז געשטאנען קעפ אויף קעפ אבער מ'האט זיך נישט געטרויט א ריר צו געבן, ווייל מ'האט מורא געהאט טאמער וועט דער רב מיינען אז מ'וויל אים וויי טון"...

**יז.** עיין בספר שיח זקנים (חלק ו) בשם הרה"ח ר' שלמה בראווער ז"ל שפעם אחת אמר אחד לכ"ק האדמו"ר הדברי יואל מסאטמאר זצ"ל, שנראה שכ"ק מרן הערוגת הבשם זי"ע היה מגדולי הרבנים שבדור, שהרי הרה"ק משינאווא זי"ע בחר בו להיות השליש בענין הרבנות בגארליץ. אמר לו האדמו"ר מסאטמאר, "דו זאגסט אז ער איז געווען פון די גדולי הרבנים, און איך זאג דיר אז ער איז געווען פון די גרויסע רבי'ס אין דור".

ז"ל האט ארויסגעגעבן, האט מען געדרוקט נאך די קריג פון כתב יד וואס מ'האט באהאלטן.

**האדמו"ר מסאטמאר**: פון זיידן דער עצי חיים איז אויך געווען אסאך חיבורים אויף מסכתות.

**מרן שליט"א**: דער ערוגת הבשם האט אסאך געשריבן און שנעל געשריבן. אמאל פלעגט זיין די טינט פעדער'ס, און ס'איז געווען נאס פון טינט, און די בויגן האט געקענט זיין א גרויסן בויגן און ווען ער האט שוין געענדיגט די פאפיר איז נאך אויבן געווען נאס.

ס'זעט אויס און ס'איז אזוי מסתבר, אז די אלע חיבורים פונעם ערוגת הבשם האבן די קינדער ארויסגעגעבן און די תלמידים האבן זיי געטריבן אז זיי זאלן עס שוין ארויסגעבן - דאס שרייבן זיי אליין אין די הקדמה אז די תלמידים האבן געטריבן - דערפאר האט מען עס נישט געקענט אזוי גוט אויסארבעטן, סיי די תשובות ערוגת הבשם און נאכמער דער ספר על התורה, מ'האט עס נישט געקענט אזוי גוט מגיה זיין, מ'האט עס געמאכט מיט א שנעלקייט, אבער די כתבים פון קרן לדוד האט דער קרן לדוד מסדר געווען בחייו צוזאמען מיט'ן טאטן ז"ל, מ'האט עס דורכגעקוקט און אויסגעארבעט, און מ'האט עס שוין אפילו אנגעהויבן דעמאלטס צו דרוקן, און נאכ'ן פטירה האט דער טאטע ז"ל ווייטער מגיה געווען די ספרים; דער ספר קרן לדוד איז שוין א אנדערע זאך (ראה בהערה יח).

---

**יח.** בעת הגהת ספה"ק קרן לדוד, כשהיה חסר איזה מילים או שורות להבנת הענין, הוסיף כ"ק מרן ז"ל שם ביאור הדברים להבנת הענין מוקף בחצאי מרובע, וכן היה הדרכת קודש של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לחברי מכון 'אמרות טהורות' בעת עריכת ספה"ק קרן לדוד על המועדים. ראה מה שכתב כ"ק מרן ז"ל בהקדמה לספה"ק קרן לדוד עה"ת (חלק ב): ולפי שהיו טמונים בארץ עלה עליהם רקבון, והרבה עלים נטשטשו נקרעו ונמחקו, ובמקום שהיה יכולת להבין הענין איך להשלים החסרון עשינו



**האדמו"ר מסאטמאר:** דער ערוגת הבשם זאגט אסאך מאל זייער בקיצור, ער זאגט נישט ארויס גענוג די כוונה.

**דומ"ץ שליט"א:** דער צעהלימער רב האט מיר דערציילט, אז אין ערוגת הבשם על התורה איז ער אסאך מאל מאריך אנפאנג תורה און ווען ער פירט אויס איז ער מקצר, האט ער מיר געזאגט אז דער ערוגת הבשם האט געהאט א צייט ווען ער האט געשריבן און ער האט שוין געדארפט גיין אין די ישיבה האט ער נישט געהאט קיין צייט און האט נישט געקענט געהעריג צוענדיגן, דערפאר ווען ער האט שוין געהאלטן ביים סוף האט ער שוין נישט געקענט מאריך זיין ביים חלק הסיום דערפאר איז ער אנפאנג מאריך און נאכדעם איז ער מקצר.

דער טאטע ז"ל האט דערציילט אז ביים ערוגת הבשם אין ישיבה איז געווען איין ספר פני יהושע, און מ'האט אפגעשמועסט צווישן די בחורים און מ'האט זיך געבארגט דעם פני יהושע איינער פאר'ן צווייטן, אבער דער ערוגת הבשם אליין האט עס דאך אויך געוואלט האבן, האט ער אפגעשמועסט מיט איינער פון די בחורים אז דריי אזייגער פארטאגס זאל מען עס ברענגען פאר אים, און די בחורים האבן זיך פארשלעפט, האט דער ערוגת הבשם געזאגט, "איך שטיי שוין און איךווארט מ'זאל מיר ברענגען די פני יהושע", מ'פארשטייט עס נישט היינט אז אמאל איז געווען אין א ישיבה איין פני יהושע און מ'האט עס געדארפט בארגן פאר'ן רבי'ן...

**האדמו"ר מסאטמאר:** אזוי איז געווען אמאל אין די ישיבות, איבעראל איז אזוי געווען.

דער ערוגת הבשם אליין איז געווען א תלמיד פון הגה"ק הכתב סופר זי"ע.

**מרן שליט"א:** ער איז געווען א תלמיד פון כתב סופר, און פריער יונגערהייט איז ער געווען א תלמיד ביי הגה"ק רבי מנחם כ"ץ זצוק"ל אין צעהלים.

**דומ"ץ שליט"א:** אין די תקופה ווען דער ערוגת הבשם האט געלערנט ביים כתב סופר איז פארגעקומען א גרויסע אסיפה פון די גדולי הרבנים גאונים וצדיקים איבער די טיילונג אין שטאט פעסט, און דער ערוגת הבשם איז מיטגעפארן מיט זיין רבי'ן דער כתב סופר.

איינער פון די טעג האט אים דער כתב סופר ארויסגעשיקט אז ער זאל גיין שפאצירן, נאכ'ן שפאצירן עטליכע מינוט איז דער ערוגת הבשם צוריקגעקומען און ער האט געוואלט נאכקוקן וואס זיין רבי טוט יעצט אז ער האט אים געדארפט ארויסשיקן פון שטוב, האט ער אריינגעקוקט דורך די פענסטער, און דער כתב סופר האט באמערקט אז ער וויל זען, האט ער געעפענט די טיר און געזאגט, "איך זע אז דו ווילסט זען, זאג איך דיר ס'איז א שעת סכנה און מ'דארף מעמיד זיין דעם דת על תילה אז ס'זאל בלייבן אידישקייט, לאמיר זיך נעמען זאגן תהלים", אזוי האט ער געזאגט תהלים זעקס שעה. דער ערוגת הבשם האט נאכדעם געזאגט, "הלואי זאל איך נאכאמאל שפפירן אזא התעוררות אזוווי כ'האב דעמאלטס געשפירט ביים זאגן תהלים מיט מיין רבי'ן דער כתב סופר".

**האדמו"ר מסאטמאר:** דער ערוגת הבשם איז אמאל געפארן קיין פעסט צום רבי'ן דער כתב סופר, דער כתב סופר האט שוין געפעלט א שטיק צייט פון די ישיבה, איז ער געפארן מיט עטליכע בחורים, און זיי זענען אנגעקומען קיין פעסט צו די אכסניא וואו ער איז איינגעשטאנען, און זיי האבן אויך גענומען אן אכסניא אין דעם זעלבן בנין - אין פעסט איז שוין בימים ההם געווען שטאקעדיגע הייזער - איז דער ערוגת הבשם אראפגעגאנגען די שטיגן, און ער האט ארויסגעהערט פון די שטוב ווי זיין רבי דער כתב סופר וויינט, האט ער זיך זייער דערשראקן. שפעטער ווען ס'איז געווארן א עת הכושר, איז דער ערוגת הבשם אריינגעגאנגען צום כתב סופר און געפרעגט, "כ'האב געהערט דעם רבי'ן וויינען, וואס האט פאסירט?" האט דער כתב סופר געזאגט, "יענעם טאג איז געווען מיין יום הולדת און כ'האב מיר געמאכט א חשבון, אז כ'בין אלט געווארן היינט אזויפיל יאר, און וואס האב איך שוין געטון אויף די וועלט!" דער כתב סופר האט דאך נישט געקענט זיין צו אלט דעמאלטס, ווייל ער איז דאך אלט געווען סך הכל עטליכע פופציג יאר ביי די פטירה, אבער ער האט געוויינט בדמעות שליש אז ער האט נאך גארנישט אויפגעטון.

דער ערוגת הבשם האט עס דערציילט ביי א געלעגנהייט, ווען ס'איז געווען בימיו א רב אין אונגארן וואס ער האט

---

כן, והוצרכנו להשלים לפעמים איזה שורות לפי עניות דעתינו. [ועשינו סימן, דמה שהוספנו להשלים מוקף בחצאי מרובע, כנהוג בשאר ספרים], ואם שגינו ה' יכפר בעדינו.

**וראה** עוד בהקדמת חברי מכון 'אמרות טהורות' לספה"ק קרן לדוד על המועדים: עבודה רבה הושקע בהספר, לנקותו מטעותי ושיבושי הדפוס הישן, עד כמה שידינו מגה"ת, וכן עמדנו על המשמר שלא יפלו בו שיבושים חדשים. בכל מקום שמצאנו בו דבר הצריך תיקון, הנחנו את הנוסח הקודם בסוגריים, והוספנו בחצאי מרובע את התיקון הנראה לפי דעתינו. גם הוספנו באיזהו מקומן כמה מילים להבנת הענין, והושם בחצאי מרובע.

געהאט ל"ע מאדערנע קינדער, און ווען ער איז געווארן זיבעציג יאר האבן זיי אים געוואלט מאכן א געבורטס-מסיבה, און ער האט אנגעפרעגט דעם ערוגת הבשם וואס ער זאגט אויף דעם אז מ'וויל אים מאכן אזא מסיבה [יט],

האט אים דער ערוגת הבשם דעמאלטס דערציילט די מעשה, און ער האט אים געזאגט, "אז איר ווילט מאכן אזא מסיבה אזוי ווי דער כתב סופר האט געמאכט, קענט איר מאכן"...

**מרן שליט"א:** ווען דער ערוגת הבשם איז געווען א בחור אין ישיבה פונעם כתב סופר אין פרעשבורג איז אויסגעפאלן די יאר וואס מ'מאכט קידוש החמה, קידוש

**יט.** ראה גם מה שכתב מרן הערוגת הבשם זי"ע בשו"ת ערוגת הבשם (או"ח חלק ב סימן רטו-ז) שהאריך שאין נכון לחוג חגיגת יובל של שבעים שנה, שאין זה כי אם מנהג בורים ההולכים בחוקות העמים, ולא נשמע כמוהו בין זקני שערים רבותינו מוסרי דור דורים, עיי"ש בדבריו מלהבות אש. ועיין עוד מה שכתב כ"ק מרן זצוק"ל בשו"ת ויען יוסף (או"ח סימן עג) לפרש באיזה אופן התכוון מרן הערוגת הבשם זי"ע בדבריו נגד חגיגת יום הולדת, ועיין גם מה שכתב הגה"ק מצעהלים זצוק"ל בשו"ת מגדלות מרקחים (או"ח סימן לא בסוף התשובה), שהוא זוכר היטב כשנכתב התשובה על ידי מרן הערוגת הבשם, ומפרש באיזה אופן התכוון אז מרן הערוגת הבשם זי"ע נגד החגיגה.



החמה איז דאך א גרויסע זאך, די גאנצע עולם קומט זיך צוזאם. דער כתב סופר איז געווען ארומגענומען מיט די חשוב'ע תלמידים און ער האט באמערקט אז דער ערוגת הבשם איז נישט דא, האט ער געפרעגט, "וואו איז משה? וואו איז ער?" אבער קיינער האט נישט געוואוסט וואו ער איז, האט ער נאכאמאל געהייסן זוכן, אבער מ'האט אים נישט געטראפן.

נאך עטליכע מינוט איז דער ערוגת הבשם אפירגעקומען... האט דער כתב סופר אים געפרעגט, "וואו ביזטו געווען?" אבער ער האט נישט געוואלט זאגן וואו ער איז געווען, ער האט זיך געשעמט צו זאגן פאר'ן רבי'ן, האט דער כתב סופר גערדרוקט אויף אים אז ער מוז זאגן וואו ער איז געווען, האט דער ערוגת הבשם זיך פארענטפערט, "אזא זעלטענע מצוה האב איך געוואלט גיין קודם אין מקוה", האט דער כתב סופר געזאגט, "אה! דו וועסט שוין א חסיד זיין!"...

**דומ"ץ שליט"א**: די אידן דארט האבן נישט געהאט די סארט השגות.

**מרן שליט"א**: ביי די אשכנזים גייט מען דאך נישט שבת אין מקוה, אבער דער חפץ חיים איז געגאנגען שבת אין מקוה. זיי ברענגען אן עובדא, אז ס'איז געווען אמאל איינער אין ראדין וואס האט זיך געוואלט אריינ'גנב'ן בשתיקה שבת אין מקוה, און ער האט געטראפן דארט דער חפץ חיים גיין באהאלטענערהייט אין מקוה.

**וקם האדמו"ר מסאטמאר לנחם**: המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים, מ'זאל נישט וויסן פון קיין צער נאר תמיד מיט שמחה.

**כ"ק מרן שליט"א קם ממקומו ליכנס לביתו נאוה קודש, ואיחל להציבור**: בשורות טובות.

* * *

## שיחת קודש בעת ביקור **כ"ק האדמו"ר מפאלטישאן שליט"א** בקודש פנימה אצל כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**יום ד' תזריע-טהרה תשע"ז לפ"ק**

**השיחה נסובה בעבודת הק' של רבותינו כהכנה לחג הפסח.**

**האדמו"ר מפאלטישאן**: ווען האט כ"ק מרן זצוק"ל אנגעהויבן צו קלויבן ווייץ[כ] בדרך כלל?

**מרן שליט"א**: ס'האט נישט געהאט קיין קביעות'דיגער זמן.

**האדמו"ר מפאלטישאן**: ס'איז שוין געווען בין הזמנים?

**מרן שליט"א**: ניין, ס'איז נישט געווען בין הזמנים, דער טאטע ז"ל איז געקומען אין ישיבה קלויבן ווייץ, ראש חודש ניסן האט מען שוין געבאקן.

אמאל יארן פריער פלעגט דער טאטע ז"ל עסן גאנץ פסח נאר ערב פסח מצות, אלע זיינע מצות זענען געווען ערב פסח מצות, אבער שפעטער האט ער שוין מורא געהאט זיך צו פארלאזן נאר אויף ערב פסח האט דער טאטע ז"ל דעמאלטס איינגעפירט אז ער באקט פריער.

**האדמו"ר מפאלטישאן**: וואו האט מען געבאקן? אינעם בנין אויף פאסיפיק?[כא]

**מרן שליט"א**: אמאל אין פאסיפיק אמאל אין אנדערע פלעצער, ס'איז געווען א השתלשלות ענינים מיט דעם.

**האדמו"ר מפאלטישאן**: ס'איז נאכנישט געווען דעמאלטס די פאפא מצה בעקעריי?

**מרן שליט"א**: די פאפא מצה בעקעריי איז נאך פון די בראשית יארן ווען מ'איז געקומען קיין אמעריקא אין די אנפאנג תש"י יארן, נאר היות די מצה בעקעריי איז נישט געווען נאר פאפא, נאר ס'איז געווען פאפא-צעהלים, האבן אונז זיך מיישב געווען אז מ'מאכט א חבורה פאר זיך ערב פסח, אונז האבן נישט געוואלט אויסמישן די חבורות מיט די בעקעריי... חוץ דעם האט דאך דער פעטער הגה"ק צעהלימער רב זצוק"ל געבאקן דארט, ממילא איז אויסגעקומען אז ס'איז געווען בעסער אז מ'איז געגאנגען עקסטער.

זייט מ'האט אנגעהויבן מאכן אן אייגענע חבורה האט מען יעדע יאר געטראפן א פלאץ וואו צו באקן, אמאל איז עס געווען אין קראונהייטס אמאל אויף א צווייטע פלאץ, מ'האט געטראפן א פלאץ מיט אן אויוון און מ'האט דארט געבאקן.

**האדמו"ר מפאלטישאן**: אין פאסיפיק האט מען געהאט אן אייגענע אויוון.

**מרן שליט"א**: יא, אין פאסיפיק האט מען אליין געבויט אן אויוון.

---

**כ.** רבותינו הק' נוהגים לבדוק כל חטה וחטה של המצות מצוה לקראת חג הפסח, מחשש מצומחות וכדומה, ועבודה הק' זו כינוי "קלויבן ווייץ", רבותינו הק' הגיעו תקופה קודם פסח להיכל הישיבה ובררו החטים עם בחורי הישיבה.

**כא.** ה"ה אחד מבניני מוסדותינו הק' בימים ההם על רחוב פאסיפיק.

**האדמו"ר מפאלטישאן**: איך געדענק אז די ערשטע יאר וואס מ'האט געבאקן אין פאסיפיק האט זיך די וואסער נישט אויסגעארבעט אזוי גוט, ס'איז געווען אן איבערקערעניש דארט...

**מרן שליט"א**: יא יא, איך געדענק עס...

**האדמו"ר מפאלטישאן**: איך בין דארט געווען באקן מצות מיט'ן זיידן [כ"ק האדמו"ר הפקודת אלעזר מפאלטישאן זצ"ל.

**מרן שליט"א**: מצות באקן איז דאך געווען ביי צדיקים א גרויסע עבודה.

**האדמו"ר מפאלטישאן**: מיין זיידע ז"ל פלעגט רעדן פון די זריזות וואס איז געווען דארט, ווי דער רבי ז"ל איז געשטאנען דארט און מזרז געווען יעדעם איינעם, ער איז געגאנגען פון איין זייט צו די צווייטע זייט; ווער רעדט טאמער מ'האט חס וחלילה געהאלטן די שטענגל קעגן די טיר פונעם אויוון, האט ער זייער מקפיד געווען דערויף.

**מרן שליט"א**: יא יא, ריכטיג; דאס איז געווען זייער הארב ביים טאטן ז"ל![כב]

**כב**. ראה בגליון בקודש פנימה (משפטים-תרומה תשפ"ד) מה שסיפר כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א בהזדמנות: הרה"ח ר' טובי' יואל שטיינער



**האדמו"ר מפאלטישאן**: דער רבי ז"ל האט אנגעזאגט פאר די וואס האבן נאך געדארפט ווארטן א מינוט מיט די טייג, אז זיי זאלן ווייטער ארבעטן דערמיט די גאנצע צייט.

**מרן שליט"א**: ס'איז געווען אמאל אינדערהיים וואס דער זיידע כ"ק אא"ז מרן הויגד יעקב זי"ע איז געגאנגען כשר'ן א מיל, און ער האט געבעטן פונעם טאטן ז"ל זאל מיטקומען מיט אים, קודם האט דער טאטע ז"ל נישט געוואלט מיטקומען, האט אים דער זיידע ז"ל געזאגט אז דאס איז אויך וויכטיג צו קענען. שפעטער אויפ'ן וועג האבן זיי געטראפן א בעלזער חסיד האט ער נאכגעזאגט פון כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע אז פונקט ווי א רב וואס פסק'נט א שאלה אויף א בהמה דארף ער זיך אויסקענען אין אלע איברים, און ס'איז נישט גענוג אז ער קען די הלכה אין שלחן ערוך, וויל ער ווייסט נישט צי דאס איז א רגל צי דאס איז א יד, אזוי אויך א רב וואס גייט כשר'ן א מיל דארף ער זיך אויסקענען אין די גאנצע זאך[כג].

ז"ל האט מיר געזאגט אן אינטערעסאנטע זאך; ער האט מיר געזאגט: כ'וויל עפעס זאגן; דער רבי ז"ל האט קיינמאל נישט געגעבן א פאטש פאר איינעם, אבער איך האב איינמאל געכאפט א פאטש... פארוואס? וואס איז געווען?ביים מצות-באקן בין איך געשטאנען מיט די מצות קעגנאיבער דעם אויוון, און דער רבי ז"ל האט געשריגן אויף מיר, "שטיין מיט מצות קעגן דעם אויוון?!" קיינמאל האט דער רבי נישט געשלאגן, אבער אויף דעם האט ער געשלאגן!

**כג.** כל פרטי העובדא סיפר הרה"ח ר' לייבוש רובינשטיין ז"ל כפי מה ששמע פרטי הדברים מפה קדשו כ"ק מרן זצוק"ל: פעם כשנסעתי עם כ"ק מרן זצוק"ל ברכב, סיפר מרן ז"ל, שפעם כשהלך אביו כ"ק מרן הויגד יעקב זי"ע להשגיח על הריחיים למצות מצוה, והוא - מרן ז"ל - היה עוד בחור, צוה אותו מרן הויגד יעקב שיתלוה אליו אל הריחיים, אמנם לא היה לו חשק למרן ז"ל לילך עמו, לפי שהיה טרוד בלימודו. אמר לו אביו מרן הויגד יעקב: "נישט נאר גמרא ברויך מען צו קענען, נאר אפילו א זאך וואס האט א שייכות צו גמרא, דארף מען האבן א ידיעה, ס'וועט דיר נאך צוניץ קומען".

**מרן** ז"ל הלך אז עם אביו כאשר ציווהו, ובדרך חזרה לעיר נפגשו עם איזה חסיד מחסידי בעלזא, ושאל החסיד מהיכן הם באים, והשיבו שהם חוזרים מהשגחת הריחיים. אמר החסיד הנ"ל ששמע מכ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע שכמו שאסור לרב מורה הוראה להורות על עוף עד שיהיה בקי בכל חלקי העוף באיברים הפנימיים והחיצוניים, כך אסור לרב להורות על ריחיים עד שיהיה בקי הדק היטב בכל חלקי הריחיים.

**וסיים** מרן ז"ל: "דאס האט מיר אזא שאקל געגעבן, אז איך געדענק דאס נאך ביז יעצט! אזש יעדע מאל איך גיי געבן א

דער טאטע ז"ל האט טאקע זייער גוט פארשטאנען צו די זאכן.

**האדמו"ר מפאלטישאן**: דער רבי ז"ל האט דאך דא אין אמעריקא אמאל צענומען א מיל און געטראפן חמץ גמור.

**מרן שליט"א**: דאס איז געווען זייער אינטערעסאנט, וויל ס'איז שוין געווען אנדערע קהלות וואס האבן געמאלן מיט דעם מיל, אבער דער טאטע ז"ל האט זיך אוועקגעשטעלט און ער האט געזאגט אז מ'דארף צענעמען די מיל, מ'האט אים אנגעקוקט אינגאנצן פארוואונדערט, "צענעמען?" האט דער טאטע ז"ל געזאגט, "יא! איך וויל אז מ'זאל עס צענעמען"... האבן זיי זיך אנגעהויבן טענה'ן, זיי האבן נישט געהאט קיין חשק דערצו, האט דער טאטע ז"ל געזאגט, "אויב אזוי גייען מיר אהיים, מ'מאלט נישט קיין ווייץ"...

למעשה האט מען געזען אז ס'איז נישט קיין עסק אזוי, האט מען זיי געזאגט אז מ'וועט זיי באצאלן פאר די טירחא עס צו צענעמען.

געוועגליך פלעגט דער טאטע ז"ל אלץ הייסן אז מ'מוז אויפהייבן די שטיין און באקוקן, אבער דעמאלטס איז עס נישט געגאנגען אזוי ווייט, נאר דער טאטע ז"ל איז פשוט ארויפגעקראכן אויבן אויפ'ן מיל און אנגעהויבן באקוקן און געטראפן א שטיקל טייג אינעם מיל.

די וואס האבן שוין געהאט געבאקן האבן עס נישט געגלייבט און זיי האבן געזאגט אז ווילן צוריקקומען עס צו זען אליין. וויאזוי זיי האבן מתיר געווען זייערע ווייץ געדענק איך נישט, אפשר האבן זיי געזאגט אז מ'דארף עס זיפן און מ'קען עס נישט נוצן נאר אויף אחרון של פסח, עכ"פ ס'איז געווען א גרויסע שאלה, אבער ביים טאטן ז"ל איז נישט געווען אזא זאך, וויל ער האט פארשטאנען וויאזוי די מיל ארבעט, און ער האט פארשטאנען די מציאות אז ס'ווערט אמאל הייס און ס'ווערט אמאל קאלט,

השגחה, גייט עס מיט א געוואלדיגע זהירות". אחר כך אמר לי מרן ז"ל בלשונו הקדוש: "איך זאג דיר צו אז ניין און ניינציג פראצענט רבנים ווייסן נישט וויאזוי צו געבן א השגחה". (הכוונה מובן: שליתן השגחה הוא אומנות מיוחדת, ואפילו תלמיד חכם מופלג, אם אינו בקי בטוב בהמציאות בענינים אלו, אי אפשר לו ליתן השגחה).

**וממשיך** ר' לייבוש לספר: אני שהייתי עד נוכח לעובדא המפורסמת כשמרן ז"ל מצא חתיכת עיסה בתוך הריחיים, אזרתי עוז ושאלתי ממרן ז"ל: "וואס מיינט דער רבי מיט דאס אז 'ס'וועט נאך צוניץ קומען'; דער רבי מיינט די מעשה פון די מיל?" מרן ז"ל אשר מרוב ענותנותו לא רצה לדבר אודות עובדא זו, נענה אלי בתוקף: "כ'האב דיר שוין געזאגט אמאל אז זאלסט מיר נישט דערמאנען פון די מעשה!"

און ס'קומט זיך צוזאם קעלט מיט היץ, און אזוי ווייטער, דער טאטע ז"ל האט געהאט עקספיריענס דערין.

איך געדענק אז מ'פלעגט ארויסצופארן צו די מיל אינמיטן די ווינטער, ס'איז נישט געווען אזויווי היינט וואס מ'באקט שוין פון צוויי וואכן נאך סוכות, נאך דעמאלטס איז מען געגאנגען אינמיטן ווינטער אין די גרויסע קעלט, מ'איז געגאנגען אינמיטן טבת אין א שניי מיט קעלט. איך געדענק אז ס'איז געווען דארט א טייך, און דער טאטע ז"ל איז זיך געגאנגען טובל'ן דארט אין טייך, מ'האט געדארפט דארט איבערנעכטיגן און מ'איז געשלאפן אויף די ערד.



ווען כ'בין מיטגעגאנגען מיט'ן טאטן ז"ל געדענק איך אז ס'זענען אויך דארט געווען אנדערע רבנים, דער סאדאוואנער רב [הגה"צ רבי ירחמיאל ישראל סעקולא זצ"ל] איז דארט געווען, איך געדענק אמאל אז דער נאראלער רב [כ"ק הגה"צ רבי חיים מאיר יחיאל שפירא זצ"ל] איז דארט געווען.

**האדמו"ר מפאלטישאן**: דער וואודיסלאווער רב [הגה"צ רבי ישכר בער ראטענבערג זצ"ל] איז נישט געווען? ער איז דאך געווען איינער פון די גרויסע רבנים ביי די ווייץ.

**מרן שליט"א**: יא, ס'איז באקאנט אז ער איז געווען א גרויסער מבין אויף ווייץ, ס'קען זיין אז ער איז געווען, אבער ווען איך בין דארט געווען געדענק איך אים נישט דארט זיין.

**האדמו"ר מפאלטישאן**: איך געדענק ווען דער רבי ז"ל האט געמאלן די ווייץ דא אויבן אין כולל.






**מרן שליט"א**: דער טאטע ז"ל איז געשטאנען און מקפיד געווען אז ס'זאל נישט ווערן ווארעם בשעת'ן מאלן.

**האדמו"ר מפאלטישאן**: דער רבי ז"ל האט געהאט דריי מילן, אז טאמער איינס ווערט הייס זאל מען עס לאזן אויסקילן און גיין צום צווייטן. די בחורים האבן צו שנעל געדרייט איז עס געווארן אנגעהיצט, און דער רבי ז"ל פלעגט בעטן אז מ'זאל עס נישט דרייען אזוי שנעל כדי מ'זאל עס נישט הייס מאכן.

איך געדענק אז דער רבי ז"ל האט געוואלט האבן א מיל פון שטיינער, איז געווען איינער וואס האט באשטעלט א קליינע מילעכל פון שטיינער, וואס די מעלה דערפון איז אז ס'ווארעמט נישט אן, למעשה האט דער מיל געהאט א הענטל פון אייזן און דער רבי ז"ל האט געוואלט גליען דעם אייזן, ווייל דאס הענטל איז פון אייזן און ס'קומט פון א גוי האט ער געוואלט מחמיר זיין און גליען, האבן זיך עטליכע געשטעלט דא אינדרויסן און גענומען א 'טארטש' און פראבירט צו גליען, דערווייל האבן זיי אבער נישט פארשטאנען אז טאמער מ'לייגט א 'טארטש' אויף די שטיין ווערט די שטיין פלאצן, און ס'איז טאקע געווארן אויס מיל...

**מרן שליט"א**: איך האב נאך ביי מיר אזא מילעכל וואס דער טאטע ז"ל האט גענוצט, וואס ס'האט די מעלה אז ס'ווארעמט נישט אן.

**האדמו"ר מפאלטישאן**: מ'האט כמעט גארנישט געקענט מאכן מיט דעם מילעכל, ס'איז געווען זייער קליין.

דער רבי האט גערעדט פריער אז א רב דארף זיך אויסקענען אין די מציאות, אמאל האט א רב פארשטאנען צו יעדע פעלד וויאזוי עס וואקסט, און ער האט פארשטאנען צו יעדע כלי וואס איז מקבל טומאה און וואס נישט, אויב אזוי דארף א רב היינט וויסן וויאזוי א קאר ארבעט... דעמאלטס האט מען געדארפט וויסן וויאזוי א פערד און וואגן ארבעט.

**מרן שליט"א**: ביי די וואס זענען מתיר מאשין-מצות איז דאך דא גאנצעטע שאלות איבער די מאשינען פון די מצות וויאזוי עס ארבעט, צי ס'איז כח ראשון צי כח שני.

**האדמו"ר מפאלטישאן**: ביי די מיל איז אויך דא פארשידענע מילן, ס'איז דא מיט די הענט און ס'איז דא וואס גייען מיט א 'בעלט', און דער רבי ז"ל האט

נישט געוואלט נוצן די מיל דורך די 'בעלט' ווייל ס'איז כח שני. אין ארץ ישראל מאלט מען מיט א 'בעלט'.

**מרן שליט"א**: ביי די ציצית איז דאך אויך דא די שאלה, הרה"ח ר' מאיר צבי גרינוואלד הי"ו מאכט דאך די גרינוואלד ציצית וואס מ'שפינט די פעדימער, האט ער מיר געוויזן פינקטליך וויאזוי ער שפינט די פעדימער מיט א כח שני, ס'איז געמאכט מיט די האנט אבער מיט כח שני, אבער דאס דארף מען אויך וויסן וויאזוי צו מאכן.

**האדמו"ר מפאלטישאן**: ביי מצות ווענדט זיך עס אויך אלס וואס מ'טוט עס, אלס 'לשמה' דארף עס זיין מכח ראשון, אבער בלויז אלס זהירות איז כח שני אויך גוט.

**מרן שליט"א**: ביי שמירה איז דא נאך א זאך, ווייל ביי די מצות דארף דאך נישט די 'עשיה' זיין לשמה נאר די 'שמירה' דארף זיין לשמה, נאר ביי א מאשין איז דא א כלל (חגיגה כ.) אז אין אדם משמר מה שביד חבירו; ממילא ביי א גוי אדער אן עבד וכדומה וואס ס'שטייט אין שלחן ערוך אז ער קען זיין עוסק זיין מיט די מצות איז דאך שייך עומד על גביו, ס'איז אפשר נישט לכתחילה, ס'איז דא פארשידענע דיעות דערין, ס'איז דא א פלוגתת ראשונים דער רא"ש מיט אנדערע, אבער ס'ווערט גע'פסק'נט אין שו"ע (תחלת דברי המגן אברהם או"ח סימן תס) אז עומד על גביו איז מותר ווייל אז ער איז נכנע הינטער אים ממילא איז עס על דעתו, אבער ביי א מאשין איז דאך דאס נישט שייך צו זאגן, ווייל א מאשין האט נישט קיין דעת אז ס'זאל זיין הינטער יענעמ'ס דעת.

**האדמו"ר מפאלטישאן**: חוץ דעם איז דא נאך א זאך, ווייל ס'איז נישט נאר די שמירה, נאר ס'דארף אויך זיין די כוונה לשם די מצוה פון מצה.

**מרן שליט"א**: אודאי איז עס לשם מצות מצוה, אבער דער ענין פון לשמה ביי מצה איז נישט אזויווי ביי אנדערע זאכן אז די 'עשיה' דארף זיין לשמה אזויווי ביי ציצית, נאר דא דארף די 'שמירה' זיין לשם מצות מצוה.

איי וועסטו פרעגן, אויב אזוי וואס איז די פראבלעם מיט מאשין מצות? באמת זענען דא אסאך פראבלעמען מיט מאשין-מצות, כ'רעד נאר יעצט פון לגבי די נקודה פון שמירה, אדער עכ"פ לגבי די מאשינען וואס מ'האט יא מתיר געווען, איז נאכאלץ דא א פראבלעם אז די שמירה איז נישט אויסגעהאלטן וויבאלד אין אדם משמר מה שביד חבירו; איי אין שלחן ערוך שטייט דאך אז אן עבד אדער גוי איז געגוג אז מ'איז עומד על גביו? איז דער תירוץ אז ביי אן עבד אדער א גוי מאכט ער עס על דעת פון דער וואס איז עומד על גביו ממילא איז שייך שמירה, אבער ביי א מאשין איז נישט שייך אז מ'מאכט עס על דעתו, און ביי מצות איז די מצוה אז ס'דארף זיין שמירה, און ביי א מאשין איז נישט שייך קיין שמירה.

*

**מרן שליט"א**: אמאל פלעגט מען צו שניידן די ווייץ אנפאנג חודש יולי למספרם, היינט שניידט מען שוין מען אפילו פריער ווי אמאל סוף חודש יוני למספרם, ס'ווענדט זיך אלס לויט די וועטער און וויפיל ס'איז געלונגען, עכ"פ איז


## תלמוד תורה 'קהלת יעקב' דחסידי פאפא

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בשם אלפי תלמידי המוסדות תינוקות של בית רבן המתחנכים במוסדותינו הק', הננו בזה להשתתף בשמחתו של האי איש חי ורב פעלים, טוב לשמים וטוב לבריות, ידיו רב לו למען התלמוד תורה בכלל ובפרט, ובמסירות נפלאה מאציל מרוב חסדו על כל הצרכים במאור פנים וברוב תבונה, ה"ה

העסקן הנמרץ הר"ר **יחיאל יודא גאלדבערגער** הי"ו

לרגל השמחה הגדולה השרויה במעונו באירוסי בתו הבכירה החשובה תחי' עם החתן שמעי' וועבער הי"ו בן הר"ר יואל בריי"י וועבער הי"ו

יהי רצון מלפני אבינו שבשמים, שיזכה לרוות רוב תענוג ונחת מכל יוצאי חלציו, ויזכה להמשיך עם פעולותיו הנשגבות למען פריחת ושיגשוג קדשי מוסדותינו הק', עושר ואושר יריצו אחריו, תורה וגדולה במקום אחד, עם כל השפעות טובות בלי שם גבול.

**המאחלים לעומתו ברגשי גיל**

המנהלים רוחניים: שלום יוסף פריעדמאן, אשר לאווי, יעקב שמואל קריצלער

אויסגעקומען אז מ'פלעגט צו שניידן די ווייץ אין די דריי וואכן, פלעגט דער טאטע ז"ל צו זאגן אז ס'שטייט אין מדרש (איכה רבה א, כט) עה"פ (איכה א, ג) גלתה יהודה מעוני, אז די גלות איז געקומען ווייל מ'איז נישט נזהר געווען אינעם ענין פון לחם עוני.

**האדמו"ר מפאלטישאן**: ס'איז דאך באקאנט די בעלזא תורה אויף דעם, אז ס'איז געקומען א איד צום מיטעלער רב כ"ק מרן מהר"י זי"ע אז ער איז ל"ע נכשל געווארן מיט חמץ בפסח, און דער מיטעלער רב האט אים געהייסן פארן קיין ארץ ישראל.

**מרן שליט"א**: מ'האט שפעטער געטראפן צוגעצייכנט אז וועגן דעם שטייט א 'גרשים' אויף ונכרתה ביים איסור חמץ בפסח, ווייל מיט גלות קומט מען אפ אויף דעם ענין [כד].

כ'געדענק אז ס'איז אמאל פארגעקומען ביים טאטן ז"ל וואס מ'האט געכאפט א שיבער הערן ראדיאו בשעת די ארבעט, און דער טאטע ז"ל האט עס אפגעשטעלט, דער טאטע ז"ל האט געזאגט, "מ'דארף דאך האבן סייעתא דשמיא, מ'דארף דאך האבן די קאפ דערצו".

הגה"צ רבי זלמן אונגער זצ"ל איז אמאל מיטגעגאנגען מיט'ן טאטן ז"ל אין מצה בעקעריי געבן א השגחה, דער טאטע ז"ל האט זיך אביסל אומגעקוקט קוים א האלבע שעה און געזאגט דא און דארט אלעס וואס מ'דארף פארריכטן, און דערנאך האט מען געענדיגט. האט ר' זלמן געפרעגט פונעם טאטן ז"ל, "וויאזוי מאכט עס דער רבי אזוי שנעל? וויאזוי ווייסט דער רבי גלייך וואו צו גיין, און וואס צו זאגן?" האט דער טאטע ז"ל געזאגט, "איך האב דאך אסאך צו טון, איך האב נישט קיין צייט, בעט איך פונעם אויבערשטן, רבונו של עולם העלף מיר אז כ'זאל שנעל באמערקן אלעס וואס כ'דארף באמערקן".

**האדמו"ר מפאלטישאן**: איך געדענק ווי דער רבי ז"ל איז ארומגעלאפן צווישן די זעק ווייץ, און צווישן דער וואס האט געזיפט, יעדע ריר איז געווען מיט א חשבון.

**מרן שליט"א**: דאס איז געווען מיט אן עבודה! דאס איז געווען מיט אזא ערנסטקייט!

---

**כד.** ראה בהגדה של פסח שע"י מכון אור לנתיבתי מכנובקא-בעלזא (עמוד רלו), שהיה פעם איש אחד שמסחרו היה במי דבש והגיע לעיר לבוב בימי חול המועד פסח ועשה מסחר עם איזה אדון, ושכח שהיום פסח ושתה שכר ל"ע, וכשיצא לחוץ נזכר שהיום פסח ונכשל רח"ל באיסור חמץ, והלך תיכף אל הגאון רבי יוסף שאול נאטאנזאן זצ"ל מלבוב וביקש מאתו שיסדר לו תשובה על זה, ושאל אותו הגאון מלבוב אם נוסע פעם לאיזה צדיק, והשיב שנוסע לפעמים לבעלזא אל כ"ק מרן מהר"י זי"ע, ואמר לו ליסע לבעלזא על ימים האחרונים של פסח.

**כשהגיע** לבעלזא נכנס האיש אל הקודש פנימה וסיפר למרן מהר"י את הקורות אתו, ואמר לו מרן שלאחר יום טוב יסדר לו תשובה על זה. אחר יו"ט אמר מרן להאיש שהתשובה היא שיסע לארץ ישראל. לפני שנסע האיש לארץ ישראל הגיע אל הגאון מלבוב להיפרד מאתו, וסיפר לו מה שאמר לו מרן זי"ע. משמשע הגאון מלבוב את תשובתו של מרן עמד בתימה, כי מה ענין תשובה זו לעבירה זאת, אבל תיכף נזכר שמתאמרה בשם הגר"א זצ"ל שהכוונה במה שאיתא במדרש איכה (א, כח) עה"פ (איכה ג, א)


בלב נרגש וברגשי הכרה ותודה, משגרים אנו בזה כסא דברכתא, וברכת מזלא טבא וגדיא יאה, מול ידידנו וידיד כל נפש חי, עושה ומעשה בכל לב ונפש להביא אורה ושמחה בבתי אנשי שלומינו, ה"ה

הרב **משה ברילל** שליט"א

מנהל "בנות יעקב" ושדכן נאמן בקרב אנ"ש

לרגל שמחת אירוסי בתו הכלה תחי' למזל טוב בשעטו"מ

בזכות הסיוע והעזר להקמת בתים נאמנים בישראל, יהא רעווא שהזיווג יעלה יפה יפה, ויזכה לבנות בית מלא ברכת ה', ובמהרה ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה וגו', בביאת בן דוד גואלנו, ומלכנו בראשנו בב"א.

**המכירים פעולתיך הנשגבות**
**ארגון גשר לקשר דחסידי פאפא**

גשר **לקשר**
א בריק **צום קשר של קיימא**
שע"י אירגון אחיעזר ואחיסמך **דחסידי פאפא**

**האדמו"ר מפאלטישאן**: דער רבי ז"ל האט דאך דערציילט אז אמאל איז איינער אנגעקומען אין בעלזא און געוואלט אריינגיין צום רב, האט מען אים געזאגט אז מ'קען נישט יעצט אריינגיין ווייל יעצט באקט מען מצות, און מ'רעדט דא אז דער רב איז בכלל נישט געווען ביים מצות-באקן נאר ביי זיך אין שטוב, אבער אז מ'האט געבאקן דעמאלטס מצות האט ער שוין נישט געקענט אויפנעמען.

**מרן שליט"א**: אין בעלזא האט מען נישט געלאזט באקן מער ווי צוויי טעג; כ"ק מרן מבעלזא זי"ע האט געזאגט, "מער ווי צוויי טאג קען איך נישט נעמען קיין אחריות", און דאס איז געווען ווען דער רב איז געזעסן ביי זיך אין שטוב...

ס'איז דאך באקאנט אז די איינוואוינער'ס אין שטאט בעלזא זענען געווען פשוט'ע אידן, האט מיר הגה"ח ר' יאשע בעלזער ז"ל געזאגט, אז דער רב ז"ל איז געווען א 'חבר' דאס הייסט א מעמבער אין אלע ועדות וואס איז געווען אין בעלזא, סיי חברה קדישא און סיי אלע אנדערע חברות.

נאך די הסתלקות פונעם פריערדיגער רב כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע האבן די גדולי החסידים זיך געוואלט מתעסק זיין מיט די קבורה, אבער די בעלזא אידן זענען דאך געווען אנשים פשוטים האבן זיי געזאגט אז די חסידים קענען זיך נישט מתעסק זיין ווייל זיי זענען נישט פון די חברה קדישא, אבער דער רב ז"ל איז געווען אין די ועד פון חברה קדישא, האט געזאגט אז מ'מוז לאזן די חסידים זיך מתעסק זיין...

**האדמו"ר מפאלטישאן**: דער רבי שליט"א איז זיך אזוי נוהג צו זיין אין די חברה קדישא?

**מרן שליט"א**: איך שטיי איבער זיי... דער גורער רבי כ"ק האדמו"ר האמרי אמת זצ"ל האט אמאל געפרעגט פונעם פריערדיגער רב ז"ל, "בעלזער רב, וואס האט איר קעגן די אגודה?" האט דער פריערדיגער רב געזאגט, "איך האב נישט קעגן די אגודה", האט דער גורער רבי געפרעגט, "אויב אזוי פארוואס קומט איר נישט אריין אין די אגודה?" האט דער פריערדיגער רב געזאגט, "ס'דארף אלץ זיין איינער וואס שטייט אינדרויסן ווייל נישט אלעס קען מען זען פון אינעווייניג וואס מ'דארף פארריכטן".

קומט אויס אז מ'דארף זיין אין יעדע זאך סיי פון אינעווייניג און סיי פון אויסעווייניג; איך בין אין יעדע זאך סיי פון אינעווייניג און סיי פון אויסעווייניג...

דער טאטע ז"ל האט נאכגעזאגט אז די ערשטע יאר וואס דער מיטעלער רב ז"ל איז געווארן ממלא מקום נאכ'ן טאטן כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע איז ער אנגעקומען צו מצות-באקן, און ס'איז עפעס נישט געפאלן דארט פאר'ן מיטעלער רב, ער האט זיך זייער געבייזערט, האט ער גענומען א טעפל וואסער און אנגעגאסן די מצות, איז געווען דארט איינער פון די פשוט'ע איינוואוינער'ס פון בעלזא וואס האט געפרעגט, "וואס טוט איר? אייער טאטע האט אויך אזוי געטון?" האט דער מיטעלער רב געזאגט, "מיין טאטע האט דאס נישט געזען, ווען ער וואלט דאס געזען וואלט ער אויך אזוי געטון!" האט דער איד געפרעגט, "וואס הייסט! די וועלט זאגט דאך אז אייער

# מערכת "קול פאפא"

ברגשי שמחה וגיל אנו משגרים ברכת מזל טוב מקרב הלב לאיש אשר רוח בו, מכבד את ה' מגרונו, בתוף בכנור יזמרו לו, לרומם ולפאר בית חיינו משים כל כוחו ואונו, מי יספר שבח מעלתו, דעת ותבונה מלא כבודו, אהוב לכל יודעו ומכירו, איש הציבור, ה"ה

**העסקן הנמרץ לכל קדשי בית פאפא**

## הר"ר **יואל וועבער** הי"ו

לרגל השמחה הגדולה השרויה במעונו באירוסי בתו הכלה תחי' עם החתן בן הר"ר יוסף דוד ווערצבערגער הי"ו

**הוא הגבר העומד בכל לב ונפש בראש מערכת 'קול פאפא' ליהנות בו אלפי אנ"ש בכל רחבי תבל להתקשר בקשר תמידי כאיש אחד בלב ואחד לבית חיינו ותפארתנו**

המברכים מקרב לב ונפש: דוד גרינוואלד, יעקב יוסף וועבער, ישכר דוב מאנדל, מנחם מענדל ראזענבערגער

**בשם אלפי אנ"ש ברחבי תבל**

טאטע האט געזען מסוף העולם ועד סופו?" האט דער מיטעלער רב געזאגט, "טאקע אזוי, אבער דאס האט ער נישט געזען, ווייל ווען ער וואלט עס געזען וואלט ער אויך אזוי געטון!"...

**האדמו"ר מפאלטישאן**: הייסט עס אז ער איז געווען אן עזות פנים?...

**מרן שליט"א**: יא, ער איז געווען פון די פשוט'ע איינוואוינער'ס אין שטאט.

זיי שרייבן אן אינטערעסאנטע זאך וואס איז געווען ביים רב ז"ל, אז איינער האט געברענגט ווייץ פאר'ן רב ז"ל, און דער רב ז"ל האט נישט געזאגט גארנישט אבער ער האט עס געלייגט אין א זייט און נישט געוואלט נוצן, און מ'האט נישט געוואוסט פארוואס ער וויל דאס נישט נוצן. שפעטער איז מען געוואר געווארן אז מ'איז דורכגעפארן מיט די ווייץ אויף א בריק העכער וואסער, דערפאר האט שוין דער רב ז"ל נישט געוואלט נוצן די ווייץ ווייל ס'איז נישט גענוג אפגעהיטן; פארשטייט זיך אז די זהירות איז געווען נאר פאר זיך.

*

**כ"ק מרן שליט"א כיבד את האדמו"ר מפאלטישאן לברך על היין, ואיחל לחיים.**

**האדמו"ר מפאלטישאן**: היינט איז דאך ראש חודש אייר, אייר איז נוטריקון א'ני י' ר'ופאיך.

דער רבי ז"ל איז אמאל געווען באזוכן דעם זיידן ז"ל [מפאלטישאן] אין שפיטאל אויף פסח שני, דער רבי ז"ל האט זיך דעמאלטס אפערירט אופ'ן האלז און ער איז ארויס פון שפיטאל פסח שני אדער ממש נאך פסח שני, און דער זיידע ז"ל איז אויך געווען דארט אין שפיטאל, איז דער רבי ז"ל אריבער אים באזוכן.

האט דער זיידע ז"ל געזאגט דעמאלטס אויף די צירוף חודש אייר י'תהלל ה'מתהלל ה'שכל ו'ידע (ירמי' ט, כב), אז ס'איז ידוע אז די איברים גשמיים זענען נגד איברים רוחניים און טאמער מ'איז פוגם אין די איברים רוחניים קען די איברים גשמיים ווערן קראנק ל"ע, און ס'שטייט (סוטה ג.) אין אדם חוטא אלא אם כן נכנס בו רוח שטות, אויב אזוי אז ס'איז יתהלל המתהלל השכל וידוע אותי, קען זיין אני ה' רופאיך [כה].

דער זיידע ז"ל איז נעבער געווען פול מיט די נאדלען און אינטערוויניע'ס ל"ע, האט דער זיידע דעמאלטס געזאגט אז ס'שטייט (שיר השירים רבה ה, ב) פתחו לי פתח כחודו של מחט ואני אפתח לכם כפתחו של אולם, שטייט פון הרה"ק רבי ר' ברוכ'ל ממעזיבוזש זי"ע אז דאס איז וואס ס'שטייט (שמות יב, כג) ופסח ה' על הפתח, אז פסח ווערט מען אויפגעהויבן אפילו אן דעם פתח כחודו של מחט.

האט דער זיידע ז"ל געוויזן פאר'ן רבי'ן ז"ל אויף די אלע נאדלען, זאגנדיג נעבער, "מיט פתחו של מחט בין איך שוין אנגעפולט, זע ס'זאל שוין זיין די פת"ח שני"...

**האדמו"ר מפאלטישאן נשאר לזמן ממושך בקודש פנימה ביחידות, ואחר כך ליוהו כ"ק מרן שליט"א החוצה.**

---

**כה.** ראה בספר פקודת אלעזר (תורות לר"ח אייר) מה שסיפר כ"ק מרן זצוק"ל, שהאדמו"ר מפאלטישאן אמר אז, שעל פי זה אולי יש לפרש הטעם שכשמבקרים אצל חולה אומרים לו "וואס מאכסטו דיר נאריש", היינו שאומרים לחולה שיעזוב את רוח שטות דהיינו העבירות שבידו, וזה יועיל שיתרפא ממחלתו.

# הננה זוכה לקראת חג הפסח הבעל"ט.

הונדערטע שעות תורה וחסידות



דרשות ושיעורים
״פסח קנעפל״

4←3←4

**1**



## התעוררות והכנה לחג

**2**



## אפיות מצות

**3**



## הלכות פסח

הגלה, ליבון,
ובדיקת חמץ

**4**



## מכירת חמץ

**5**



## ליל הסדר

והלכות ומנהגי
יום טוב

**6**



## בית רבותינו

מנהגים וחומרות שנהגו
בו כ״ק מרנן רבותה״ק

**7**



## שואלין ודורשין

בהיכל כוללינו הק׳,
ושיעורים כללים

**8**



## ערב פסח שחל בשבת

**9**



## שיערים שונים




מערכת פאפא
המפעל לתורה וחסידות

קול קהלת יעקב
קו אנ״ש חסידי פאפא

718.480.7872
PUPA

# דברות קודש

## אצל שלחן לחיים אחר טחינת חיטים לקראת חג הפסח

יום ב' פקודי תשפ"ה לפ"ק

### עבודה בחודש ניסן

ועבדת את העבודה הזאת בחודש הזה (שמות יג, ה). ביי חסידים איז א מנהג אז די הכנות צו פסח די אפיית מצות וכדומה איז בחודש ניסן.

ס'קען זיין די כוונה אז ניסן איז דאך ראש חדשים (שמות יב, ב), ס'איז א זמן פון התחדשות, ווייל גלות מצרים איז געווען א הכנה צו אנדערע גליות, און גאולת מצרים איז געווען א הכנה צו אנדערע גאולות, דהיינו אז ווען מ'איז ארויסגעגאנגען פון מצרים האט מען דאך געוואוסט אז ס'גייט זיין אנדערע גליות, ווייל מ'האט דאך נאך געדארפט משלים זיין די גלות מצרים מיט די אנדערע גליות.

קומט אויס אז ביי גאולת מצרים האט מען געוואוסט אז מ'וועט נאך זיין אין גלות און מ'וועט נאך דארפן ארבעטן, דערפאר דארף מען פסח ארבעטן, ס'איז אן עבודה, וועגן דעם איז אלץ געווען אז מ'האט אריינגעלייגט א גרויסע עבודה פאר פסח; די גאנצע שלחן ערוך איז אלעס אוועקגעשטעלט אויף ביעור חמץ, צוגרייטן די מאכלים, כשר'ן די כלים וכדומה, ובזמן שבית המקדש היה קיים האט מען זיך צוגעגרייט צו שחיטת הפסח, דאס איז אלעס געווען אן ארבעט.

דאס קומט צו מרמז זיין אז אין גלות דארף מען ארבעטן, אויף א גוטע זאך דארף מען ארבעטן, ממילא דאס אלעס וואס מיר זענען יא זוכה אין גלות נאך די אלע הארעוואניע איז נאר דורך די ארבעט, אידישע קינדער אין גלות גייט אלעס מיט ארבעט; מיט ארבעט גייט עס, און די איבריגע העלפט דער אויבערשטער.

### סייעתא דשמיא להנצל ממשהו חמץ

מ'זאגט נאך פון צדיקים [א] אז א איד קען נישט נזהר זיין אינגאנצן פון א משהו חמץ, נאר מ'טוט וואס מ'קען און די איבריגע העלפט דער אויבערשטער.

---

**א.** ראה מה שכתב כ"ק מרן הערוגת הבשם זי"ע (פ' ויקרא ד"ה לא תאפה א') בשם ספה"ק אור לשמים, וכן מובא בשם עוד צדיקים, הרה"ק רבי ר' מרדכי מטשערנאביל זי"ע, כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע,


# תלמוד תורה 'קהלת יעקב' דחסידי פאפא

באראפארק

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## ואת יהודה שלח לפניו

מעומק הלב נאחל ברכת מזל טוב להאי איש יקר רוח, פרי עץ הדר, אהוב לשמים ולבריות, מקבל כל אדם בסבר פנים יפות, לב זהב ורך הלבב, עושה גדולות עד אין חקר, אין גומרים עליו את ההלל, עושה ומעשה למען טובת מוסדותינו הק' ברוב כשרון ומרץ, ובלב ונפש חפיצה עומד לימיננו בכל לבו ונפשו, ה"ה

העסקן הנמרץ הר"ר **יחיאל יודא גאלבערגער** הי"ו

לרגל השמחה השרויה במעונו באירוסי בתו הכלה החשובה תחי' עם החתן המופלג שמעי' וועבער הי"ו בן הר"ר יואל בריי"ש וועבער הי"ו

יעזור השי"ת שיראה שמחה ונחת אצל כל יו"ח, ויתברך משמי מעונים בכל השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות, אך טוב וחסד ירדפו כל ימי חייו, ויזכה להמשיך בפעליו למען כבוד בית רבותינו הק', עד ביאת גואל צדק, ומלכנו בראשנו אמן.

**המברכים בלב מלא הכרת הטוב**

המנהלים רוחניים: אברהם חיים שפיטצער עמרם פישער שמואל בער כ"ץ

**ג"א מצטרפים - הסגן מנהלים:**

יוסף צבי גרינוואלד יואל חיים לעבאוויטש

**כ"ק האדמו"ר מסקווירא זצ"ל** פלעגט צו דערציילן די מעשה פון **הרה"ק רבי מאטעלע טשערנאבילער זי"ע**, אז ס'איז געווען א איד וואס איז נישט געווען קיין חסיד און ער איז געווען אויף פסח ביי ר' מאטעלע טשערנאבילער, און ביי חסידים מישט מען זיך דאך ביים רבי'ן, אבער ער איז נישט געווען קיין חסיד האט ער זיך נישט געמישט מיט ר' מאטעלע טשערנאבילער.

ווען ס'איז געקומען אחרון של פסח האט ר' מאטעלע טשערנאבילער געזאגט פאר דעם איד, "גיי קוק נאך דיין וואסער", די מדקדקים פלעגן אנצוגרייטן וואסער פאר פסח אויף גאנץ פסח, און ר' מאטעלע האט אים געהייסן איבערקוקן זיין וואסער, איז דער איד געגאנגען איבערקוקן זיין וואסער און ער האט ל"ע נישט מער און נישט וויניגער געטראפן דארט חמץ.

איז ער געקומען מיט א בהלה צו ר' מאטעלע טשערנאבילער און געזאגט, "איך פארשטיי נישט די גאנצע מעשה! כ'האב צוויי קושיות, ערשטנס פארוואס האט דאס פאסירט? און צווייטנס, טאמער דער רבי האט יא געוואוסט דערפון, פארוואס האט מיר דער רבי ביז יעצט נישט געזאגט דערוועגן?"

האט ר' מאטעלע געענטפערט, "זאלסט וויסן, איך קוק נישט נאך קיין אידן, אבער אז כ'האב געזען אז דו האסט דיר נישט געמישט מיט מיר - דאס הייסט אז דו קוקסט אריין אין מיר צי איך בין אויסגעהאלטן - אויב אזוי האב איך יא אריינגעקוקט אין דיר". ר' מאטעלע האט ממשיך געווען און געפרעגט דעם איד, "זאג מיר, וויאזוי האסטו אנגעגרייט די וואסער?" האט דער איד געזאגט אלע מיני חומרות וואס ער האט זיך געפלאגט, ער האט אנגעטון פרישע בגדים און אזוי ווייטער, האט ר' מאטעלע געזאגט, "אוי געוואלד, דער עיקר האסטו פארגעסן! האסט פארגעסן צו בעטן אויף סייעתא דשמיא".

ועוד.

## אפיית מצות אצל צדיקים

אפיית מצות ערב פסח איז געווען ביי צדיקים גרויסע עבודות, ס'איז אויך דא פלעצער וואס באקן נישט ערב פסח, אין רוזין באקט מען נישט ערב פסח, אזוי אויך ביי נאך פלעצער.


# מוסדות דחסידי פאפא, לינדען

**בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

## יהודה אתה יודוך אחיך

בשם כל קהל אנ"ש תושבי לינדען הנני מאחלים ברכת מזל טוב חמה ולבבית מעומק הלב אל מול ידידנו היקר, איש רוח ונבון בתפארה, העוסק בצרכי ציבור באמונה יתירה, מוכתר בכתר שם טוב, ובידים עסקניות פועל ועושה גדולות ונצורות לכל קדשי המוסדות באמנות, ובלב ונפש חפיצה עומד לימיננו בכל ההצטרכיות למען המוסדות, ה"ה

העסקן הנערץ הר"ר **יחיאל יודא גאלבערגער** הי"ו

לרגל השמחה הגדולה השרויה במעונו באירוסי בתו הבכירה תחי' עם החתן
החשוב שמעי' וועבער הי"ו בן הר"ר יואל ברי"י וועבער הי"ו

בשם כל תלמידי המוסדות, מחנכיהם והוריהם, הננו מכירים לו טובה, ומברכים לו מעומקא דלבא שזכות הרבים וזכות לימוד התורה הק' על ידי תינוקות של בית רבן, יעמוד לו ולזרעו אחריו עד עולם לראות רוב תענוג ונחת תמיד, ויתברך בבני חיי מזוני רויחי, ויזכה לראות רוב ברכה והצלחה בכל מעשי ידיו, מתוך עושר ואושר, עדי נזכה לביאת משיח צדקנו ומלכנו בראשנו, אמן.

**המאחלים ומברכים**
חברי הנהלת המוסדות:
הערשל כ"ץ, חיים טויבער, יוסף גאלדבערגער
ג"א מצטרף: עמרם פישער, צבי אלימלך ברילל

אין בעלזא ווען מ'האט געבאקן מצות האט מען נישט אריינגעלאזט קיינעם צום רב. אין בעלזא האט מען נישט געלאזט באקן מער ווי צוויי טעג, **כ"ק מרן מבעלזא זי"ע** האט געזאגט אז מער פון דעם קען ער נישט נעמען קיין אחריות.

## אמונת צדיקים

פסח איז דאך דא אלע מנהגים. אין טשערנאביל געבט מען פסח ברוינפן און אין בעלזא טרינקט מען נישט קיין ברוינפן פסח, און ווען דער פריערדיגער רב **כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע** איז צוריקגעקומען פון קעסט אין טשערנאביל [אצל חו"ז **הרה"ק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע**] האט אים דער טאטע **כ"ק מרן מהר"י מבעלזא זי"ע** געפרעגט, "וואס האסטו געטון פסח מיט'ן ברוינפן?" האט דער פריערדיגער רב געענטפערט, "ווען דער אלטיטשקער האט מיר געגעבן האב איך געטרינקען", דאס הייסט אז סתם אזוי האט ער נישט געטרינקען אבער ווען ר' אהרן טשערנאבילער האט אים געגעבן האט ער עס יא גענומען, האט דער מיטעלער רב געזאגט, "גוט האסטו געטון!"

פיין, כל טוב, זייטס אלע געזונט.

* * *

# דברות קודש

**דברי הדרכה לקראת ימי בין הזמנים חודש ניסן אצל סיום זמן החורף בישיבה קטנה בשילוב שמחת הבע ברכות אצל אחד ממגי"ש הישיבה**

**יום ג' ויקרא תשפ"ה לפ"ק**

## פסח זמן של שמירת הדיבור

מ'האלט יעצט פאר פסח, אין ספרים שטייט אז פסח איז די אותיות 'פה סח', אויב אזוי פארוואס דארף מען רעדן? אבער פונקט אזוויי ס'קומט קודם ביעור חמץ און נאכדעם קומט שחיטת הפסח, דאס זעלבע דארף מען קודם וויסן וואס נישט צו רעדן כדי מ'זאל קענען רעדן אזוי מ'דארף צו רעדן; פסח דארף מען זיך דאך פארקוקן, דאס קומט צו וויזן אז יעדע מאל מ'דארף רעדן דארף מען וויסן וויאזוי צו רעדן.

## תורה עם יראת שמים

מ'האט דא צאמגעברענגט צוויי שמחות, דאס ברענגט ארויס די הרגשים פון די חשוב'ע תלמידי הישיבה, וואס טוען דאנקען דעם אויבערשטן אויף די עבר אויף אזא חשוב'ע זמן וואס מ'הערט אז ס'איז דורך.

מ'דארף וויסן אז לערנען איז טאקע א גרויסע זאך, ווייל דער יצר הרע וועט אלעס לאזן נאר א בלאט גמרא לאזט ער נישט, אבער מ'דארף וויסן אז ס'דרייט זיך ארום אויף די גאס אסאך תורה, ס'איז דא די תורה פון שווארצע אידן פון דא, ס'איז אויף פארשידענע אופנים, צי אז מ'זיצט אינדערהיים און מ'הערט א שיעור אויף דף היומי וכדומה מיט א מאשינדל


מתיבתא קהלת יעקב קרית פאפא

נתייסדה ע"י כ"ק מרן אדמו"ר זצוק"ל　　　בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בשיר וקול תודה נברך לאלקינו, עת שהשמחה הגדולה בבית ידידנו הנכבד, מוכתר בכל מעלה ומדה יקרה,
לו העוז והתפארה, מי יספר מעלותיו, מלא על כל גדותיו, עומד בנאמנות ובמסירות למען כל קדשי בית חיינו,
ובפרט למען ישיבתנו הק' מתיבתא קרית פאפא בלב ונפש חפיצה ובסבר פנים מיוחדת, ה"ה

העסקן המשובח הר"ר **יחיאל יודא גאלדבערגער** הי"ו

לרגל השמחה השרויה במעונו באירוסי בתו הבכירה הכלה תחי' עם החתן המופלג שמעי' וועבער הי"ו בן הר"ר יואל ברי"י וועבער הי"ו

יעזור השי"ת שיזכה לרוות רוב נחת דקדושה מכל יו"ח, בניו כשתילי זיתים סביב לשלחנו, ואך ששון ושמחה ישכון באהלו, עושר
ואושר יתאחדו על שלחנו, ובזכות שירי דוד עבדך נזכה לבנין בית מקדשנו ותפארתנו, במהרה בימינו אמן.

**המברך בהוקרה - בשם תלמידי המתיבתא:**
מרדכי קאהן - מנהל

אין די אויערן, צי אפילו אז מ'לערנט געהעריג, אבער מ'זיצט ביי א שיעור און איינער לערנט פאר מהיכי תיתי, דאס איז אלעס בעסער ווי גארנישט.

אבער אלעס איז אנדערש אז מ'לערנט תורה מיט יראת שמים! לערנען תורה מיט יראת שמים מיינט מען, אז מ'פירט זיך אזויווי מ'איז געוואוינט ביי אונז וויאזוי אונז האבן מקבל געווען פון אונזערע רבי'ס און אבות, און אויב מ'קערט זיך אוועק פון וויאזוי מ'איז געוואוינט, און פון וויאזוי אונז האבן מקבל געווען פון אונזערע רבי'ס און אבות, דאן פעלט פון די יראת שמים.

## זמן של התחדשות

ס'שטייט אין ספרים אז ראש חודש ניסן הייבט זיך אן א התחדשות אזויווי ס'שטייט אין פסוק (שמות יב, ב) החודש הזה לכם ראש חדשים, דער ענין פון התחדשות איז א זאך וואס איז נגד הטבע, דהיינו אז א זאך וואס איז כסדר יעדן טאג איז עס נגד הטבע אז ס'זאל זיין א התחדשות, אבער ביי אידן איז עס נישט אזוי, וויבאלד ביי אידן ווייסט מען אז בכל יום יהיו בעיניך כחדשים (ספרי ואתחנן ו), ממילא דארף אין דער ענין פון 'תורה מיט יראת שמים' אויך זיין א התחדשות.

ס'שטייט (יבמות קט:) כל האומר אין לי אלא תורה אפילו תורה אין לו, ממילא האט אזא השקפה פון 'אין לי אלא תורה' נישט קיין פלאץ ביי אונז, און דאס דערקענט זיך אויף די בחורים!

דאס אלעס גייט אריין אין די פנימיות, אין די רצון, אין די חשק, און אין די געוואוינהייט, וויאזוי די בחורים ווערן נתחנך דא ביי אונז; ממילא דאס אז ס'דארף זיין מיט א התחדשות בבחינת בכל יום יהיו בעיניך כחדשים, מיינט אז ס'דארף זיין מיט א חשק, אויב מ'טוט א זאך אן קיין חשק, לאמיר זאגן אז מ'קלערט, "כ'האב נישט קיין חשק, איך מוז אויפשטיין צום דאווענען ווייל מ'וועט מיר קנס'נען, מ'וועט מיר געבן א פסק", אויב טוט מען א זאך געצווינגענערהייט ווייל מ'האט געהייסן טון און מ'מוז אזוי טון, איז דאס נישט קיין התחדשות.

אודאי איז דא א יצר הרע, אבער מ'דארף וויסן אז מ'דארף האבן התחדשות! יעדן טאג שטייט מען אויף מיט א פרישקייט!

דאס אלעס דערקענט זיך אויף די תלמידי הישיבה ווען מ'קומט אריין אין בית כותלי הבית המדרש פון די ישיבה, סיי ביים לערנען און סיי ביים דאווענען, און אזוי אויך ווען מ'קומט אריין אין וויליאמסבורג ביי אונז אין גרויסן בית המדרש צו לערנען און דאווענען, מ'זעט ווי אלעס גייט מיט א פנימיות, מ'קען דאס נישט טון געצווינגענערהייט, ווייל געצווינגענערהייט גייט דאס נישט, ס'קען נישט ארבעטן.

שמחת חתן וכלה איז דאך אויך דער ענין אז ס'איז נישט דווקא יעצט, נאר 'עוד ישמע', ס'וועט זיך נאכאמאל הערן קול ששון וקול שמחה, יעדן טאג וועט זיך הערן קול ששון ושמחה, ס'איז נישט אז מ'האט אפגעטאנצט ביים חתונה און מ'איז דורכגעגאנגען ימי שבע ברכות און נאכדעם איז אלעס פארטיג, נאר דאס גייט נאך ווייטער אן, סיי ביים חתן


**ישיבה קטנה**
**קהלת יעקב פאפא**
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א



באנו בזה להביע מיטב ברכותינו והרגשותינו, מול האי כבוד ידידנו היקר המזכה את הרבים, נחמד ונעים לכל, נקי כפים ובר לבב, ירא את ה' ובמצותיו חפץ מאוד, ידו נטויה לכל דבר טוב, איש האשכולות, עושה ומעשה למען קדשי בית חיינו ובמיוחד למען רשת מוסדותינו הק', ה"ה

העסקן הדגול הר"ר **יחיאל יודא גאלדבערגער** הי"ו

לרגל השמחה הגדולה השרויה במעונו באירוסי בתו הבכירה תחי' עם החתן החשוב שמעי' וועבער הי"ו בן הר"ר יואל ברי"י וועבער הי"ו

יהי רצון מן שמיא שהבית החדש הזה יהיה מלא אורה ושמחה, ויזכה לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, ולראות רב תענוג ונחת דקדושה מכל יוצ"ח מתוך אושר ועושר.

**השמח בשמחתו ומברך לעומתו בשם כל תלמידי הישיבה:**
יודא אליעזר קופערשטיין - מנהל

כלה און סיי ביי די עלטערן און די זיידע'ס און אלע פון ארום. ממילא האבןביידע ענינים דא א שייכות איינס מיט'ן צווייטן.

ממילא דארף מען וויסן אז חודש ניסן איז ראש חדשים, ס'איז די ערשטע טעג פון די התחדשות, פסח איז א זמן פון התחדשות. מ'רופט די טעג 'בין הזמנים', דארף מען צו גיין צווישן די עבר און די עתיד, נותן הודאה לשעבר וצועק לעתיד, דאס דארף זיין די בין הזמנים. אויב מ'איז נישט קיין צועק לעתיד, מ'רעדט זיך איין אז ס'וועט מער נישט זיין קיין יצר הרע, טויג נישט, מ'דארף וויסן אז ס'וועט זיין א יצר הרע און מ'דארף האבן סייעתא דשמיא.

די התנהגות דא בין הזמנים איז א געוואלדיגע זאך, א בחור ווייסט וואס ער האט צו טון, מ'ווייסט וויאזוי אנצופירן די אלע זמנים, סיי יעצט די טעג פאר פסח, סיי יום טוב, סיי די חול המועד טעג, און סיי די טעג נאך יום טוב, דאס איז אודאי און אודאי א חשוב'ע זאך.

## הכרת הטוב לעוסקים במלאכת הקודש

עקסטער וויל איך זאגן אז סייעתא דשמיא איז טאקע א וויכטיגע זאך וואס אן דעם גייט עס נישט, אבער ס'קומט זיך א גרויס הכרת הטוב פאר די אלע וואס לייגן אריין ארבעט, סיי פאר דער חשוב'ער מנהל **הרב ר' יודא אליעזר [קופערשטיין] שליט"א** וואס לייגט אריין אזויפיל כוחות, און אלע מגידי שיעור, משגיחים, און משיבים, וואס געבן זיך אפ מיט אלע ענינים, מ'ארבעט ברוך ה' מיט א גוטע סחורה און א גוטע סחורה ארבעט זיך גוט אויס...

עקסטער דארף מען זיך באדאנקען פאר די אלע וואס שטעלן צו די סעודות דא אין ישיבה, דער חשוב'ער קעכער **הר"ר קלמן [פישער] הי"ו** וואס ער געבט צו עסן פאר אידישע קינדער, ער טוט דאס מיט א געוואלדיגע הארץ, דאס איז א גרויסע זאך! דאס איז א געוואלדיגע זאך! און דאס שפירט זיך אינעם טעם פון די עסן. מ'דארף מכיר טוב זיין פאר די הנהלת הישיבה וואס שטעלט צו אלע צרכים וואס מ'דארף.

## ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים

דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן אלע זוכה זיין ס'זאל נתקדש ווערן שם שמים על ידינו, מיר זאלן זוכה זיין טאקע ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים, 'זבחים' מיינט מען זביחת היצר, און 'פסחים' מיינט מען שפרינגען מ'זאל זיך קענען אויפהייבן, קומט אויס אז דער ענין פון 'ונאכל שם מן הפסחים ומן הזבחים' גייט אן כסדר און נישט נאר אין פסח, א בחור דארף קענען מאכן זביחת היצר און אוועקשפרינגען פונעם יצר הרע, מ'שטייט אויף צופרי און מ'געבט א שפרינג אויף צו לערנען און דאווענען.

זאל דער אויבערשטער העלפן מ'זאל זיך קענען צוגרייטן צום הייליגן יום טוב אזויווי עס דארף צו זיין, ס'זאל נתקדש ווערן שם שמים על ידינו, מיר זאלן זוכה זיין צו כל מיני ישועות און כל מיני השפעות טובות, און צו ישועות כל ישראל, צו די גאולה שלימה בב"א.

## חבורות לאפיית מצות שע"י קהל קהלת יעקב פאפא - ב"פ

**בפיקוח ובהשגחתו של הרה"צ הדומ"ץ שליט"א**

בעמדנו אחר ימי ערבי פסחים, בזמן שבני ישראל עסוקים וטרודים במצוות ומעשים טובים, אי אפשר להתעלם מלשלוח מיטב ברכותינו לכבוד כל אלו שעמדו לנו בסיוע ועזרה בהכנות לחג הפסח, לקיים מצות ושמרתם את המצות וגו', בערב תאכלו מצות וגו', במהדרין מן המהדרין, עם ההנהגות וחומרות שדקדקו בהן רבותה"ק ולהבחל"ח כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, ובזה זכו אנ"ש להתחמם ולהתלהב לכבוד החג הקדוש לעבוד את העבודה הזאת בחודש הזה

**במיוחד נכיר טובה אל מע"כ הני עסקנים חשובים המסורים בלב ונפש לכל קדשי בית חיינו**

מוה"ר **יואל פריעדמאן** הי"ו מנכ"ל המוסדות

מוה"ר **יהושע פייפער** הי"ו חבר הנהלת המוסדות וחבר ועד קרן הבנין דת"ת החדש

מוה"ר **יודא יואל דייטש** הי"ו | מוה"ר **בנימין אליעזר מאנדל** הי"ו

**אשר בעזרתם ובנדבת לבם הזהב נתנו ההזדמנות לאנ"ש ליכנס אל החג כראוי וכיאות בדרך הסלולה לנו מרבותה"ק**

יעזור השי"ת שיזכו לכל השפעות טובות, כן ה' אלקינו יגיענו למועדים ולרגלים אחרים שמחים בבנין עירך וכו', ונזכה לאכול שם מן הפסחים ומן הזבחים, במהרה בקרוב דידן, בביאת משיח צדקנו ומלכנו בראשנו אמן.

המאחלים בכל לב בשם אנ"ש תושבי ב"פ

**משה מרדכי גאלדבערגער      יצחק נפתלי קאהן**

הלכה למעשה הנוגע לכל אחד ואחד

# הוראות ואזהרות, בעניני טעכנעלאגיע

מתוך הרצאות שנאמרו במקהלות אלופי אלפי אנ"ש
במעמד ובפקודת כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
ע"י הרה"ג **דוד יודא פישער** שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'

**אצל האסיפה האדירה "וידעו"**
ג' קדשים ערב ר"ח אייר תשפ"ד, בביהמ"ד הגדול

**א) יעדע סעלפאון**, אפילו א פשוטע בעיסיק אדער פליפ פאון, דארף מען **מאכן זיכער אז עס איז "כשר"**! נעמט אין אכט: אפילו סישטייט דערויף "כשר/kosher" מיינט עס גארנישט. סעלפאונס (מאלה אפלו) וואס האבן דעם חותם (כשר) אין יודיש, פון **"וועד הקהלות"** זענען **פארלעסליך** און כשר.

**ב)** אוודאי אויב דארף מען נישט וויכטיג האבן קיין **"טעקסט"**, זאל מען זיך **צוריק האלטן** דערפון, און כש"כ פון פיקטשער טעקסט. אויב וויל מען צולייגן דאס **מינדעסטע הוספה צו א סעלפאון מער ווי talk און text, דארף מען עס קלאר איבערשמועסן** מיט א היימישע מורה הוראה וואס איז שטארק בקי במציאות הדברים, צו מען זאל דאס צולייגן און צו דאס איז אן אמת'ע צורך.

**ג)** אויך פון **אנדערע טעכנעלאגישע דעווייסעס** - ובפרט **mp4** און **SD card** - קומען ר"ל ארויס **גאר גרויסע מכשולות** אשר אי אפשר לפורסם. סיי ביי **אינגלעך/בחורים**, און סיי ביי **מיידלעך**.

**ד)** ווען מקויפט א **סענסע/mp3**, דארפן די עלטערן זיכער מאכן אז עס האט א פארלעסליכע **חותם** (ווי וועד הקהלות) און אז מען קען נישט אריינלייגן קיין SD קארד אין דעם - אדער זאל מען מברר זיין מיט'ן מורה הוראה אז ס'איז כשר. אויך **קאמערעס** דארף מען זיכער מאכן אז עס איז כשר (פארמאגט נישט wifi), און כסדר האלטן השגחה אויף די קארטלעך.

**ה)** איידער מען גייט אריין **ארבעטן אין א אפיס**, סיי א יונגערמאן אדער א פרוי/מיידל, דארף מען מאכן זיכער אז אלע **קאמפיוטערס זענען "גוט" געפילטערט**. אפילו ווען די בעה"ב איז אן ערליכע חסידישע איד, איז דאס נישט קיין שום סמכות אויף די קאמפיוטערס דארט, ווי דאס מציאות ווייזט זיך ארויס. נאר מ'דארף גוט מברר זיין צו די כלים דארט זענען אויסגעהאלטן.

**ו)** מ'דארף וויסן אז אלע **קיאסקן** זענען מקומות וואס קענען **ארויסקומען גרויסע מכשולות**, ממילא זאל מען פרעגן א **שאלה** איידער מען באנוצט זיך דערמיט. ובכלל, אויב וויל מען איינקויפן "אנליין" (אפילו נישט אין קיאסק) דארפן מען פרעגן א שאלה.

**ז)** עלטערן זאלן פארשטיין אז פאר די **תועלת און תכלית פון די קינדער**, און צו אפהיטן די חינוך אין אונזערע מוסדות, **דארפן די מוסדות האבן תקנות און גדרים** ביי די אלע כלים וואס דרייען זיך ביי די עלטערן, און מען זאל זיך צושטעלן צו דעם **בחפץ לב** און מיט **פארשטענדעניש**.

באלנגענד זענען די מורי צדק שליט"א אין אלע געגנטער
וועלכע זענען ממונה געווארן בפקודת הקודש צו פסק'ענען בעניני טעכנאלאגיע:

**וויליאמסבורג:**

הרה"ג **דוד יודא פישער** שליט"א
347-564-8310

הרה"ג **יודא צבי פריעדמאן** שליט"א
347-581-6219

**בארא פארק:**

הרה"צ **רבי לוי יצחק שליט"א**
דומ"ץ בית מדרשנו
347-581-8803

**מאנסי:**

הרה"ג **שלום צבי ניישלאס** שליט"א
845-263-2626

הרה"ג **דוד פאשקעס** שליט"א
845-659-9847

מכון וטהר לבנו
דקהל ומוסדות קהל יעקב פאפא

# ת"ת 'צאן יוסף' דחסידי פאפא, מאנסי

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

ערבי פסחים תשפ"ה

# איש כמתנת ידו כברכת ה'

ברגשי הכרה והודאה הננו בזה להביע מיטב ברכותינו מול הני אנ"ש היקרים, נדיבים בעם, רודפי צדקה וחסד, רחומי ומוקירי רבנן ותלמידיהון, ראוים לשבח ולתהלה בקרב עם סגולה, עומדים תמיד לימין מוסדותינו הק' ביד רחבה וברוח נדיבה בלב ונפש חפיצה, ובמיוחד עכשיו בפרוס חג הפסח כאשר הרימו תרומת הקודש למען המלמדים החשובים שליט"א העוסקים במלאכת הקודש במסירות ובנאמנות, ה"ה



## עמודי התורה

הר"ר אהרן עקיבא גאלדבערגער הי"ו

הר"ר חיים שלום העכיל הי"ו

## זכות מלמד אחד

הר"ר יחיאל מיכל מאסקאוויטש הי"ו

הר"ר יוסף בר"א אבערלאנדער הי"ו

הר"ר אלי' זיידנפעלד הי"ו

הר"ר חיין בן ציון ווייס הי"ו

הר"ר אפרים מאיר אבערלאנדער הי"ו

## ח"י מאות יודון

הר"ר שלום יוסף אבערלאנדער הי"ו

הר"ר חיים ווערצבערגער הי"ו

הר"ר יעקב אהרן סאמעט הי"ו

הר"ר אהרן גאנצפריעד הי"ו

הר"ר דוד לאווענשטיין הי"ו

הר"ר יוסף בריי"ש כהן הי"ו

הר"ר יוסף ווייס הי"ו

הר"ר יוסף ראזענבערגער הי"ו

הר"ר נפתלי ישעי' בוים הי"ו

הר"ר הערשל ליידנער הי"ו

הר"ר לוי יצחק קויפמאן הי"ו

## שרי האלף

הר"ר יצחק יודא ראזענבערגער

הר"ר אלימלך באדאנסקיא הי"ו

הר"ר חיים מנחם כהן הי"ו

הר"ר אלכסנדר חיים געלב הי"ו

הר"ר שלמה משה לאנדא הי"ו

הר"ר שרגא גאלד הי"ו

הר"ר יצחק אייזיק מארקאוויטש הי"ו

הר"ר חיים אלעזר שפיטצער הי"ו

הר"ר יצחק אהרן גראס הי"ו

הר"ר יו"ט ווייסמאנדל הי"ו

הר"ר אברהם דוד קופערשטיין הי"ו

הר"ר יוסף אויש הי"ו

הר"ר אהרן גרינוואלד הי"ו

## שרי חמש מאות

הר"ר יעקב קאלמאן הי"ו

הרה"ג ר' יוסף שפיטצער שליט"א

הר"ר אבא חייא טויבער הי"ו

הר"ר יששכר וועבער הי"ו

הר"ר אליעזר מרדכי ניישלאס הי"ו

הר"ר יוסף ליווי הי"ו

הר"ר משה ווערצבערגער הי"ו

הרב דוד גרינוואלד הי"ו

הר"ר יוסף אלימלך גאלדבערגער הי"ו

הר"ר שמעי' וועבער הי"ו

הר"ר ישראל דוב גאלדבערגער הי"ו

הר"ר מענדל קופערשטיין הי"ו

הר"ר יוסף וועבער הי"ו

הר"ר יוסף בר"נ גרינוואלד הי"ו

הר"ר יחזקי' לונגער הי"ו

הר"ר יושע חיים קאהן הי"ו

## שרי ש"ס

הר"ר בן ציון גאלדבערגער הי"ו

הר"ר ברוך יצחק האפפמאן הי"ו

הר"ר שמואל דוד אויש הי"ו

הר"ר לוי יצחק געלב הי"ו

הר"ר חנני שפיטצער הי"ו

הר"ר אשר זעליג אבערלאנדער הי"ו

הר"ר מרדכי מנחם געלבער הי"ו

הר"ר פנחס מרדכי פאשקעס הי"ו

הר"ר אשר מרדכי שפיטצער הי"ו

הר"ר בנימין ברד"ד קאלמאן הי"ו

הר"ר חיים אברהם וויינשטאק הי"ו

הר"ר פנחס יואל קאלמאן הי"ו

הר"ר אברהם אבערלאנדער הי"ו

הר"ר יואל מנחם פרייליך הי"ו

הר"ר שמואל בוים הי"ו



## וגם יזכר לטובה כל אלו שתרמו סכומים הגונים כפי מסת נדבת לבם אשר השיג ידם

זכות המצוה הגדולה הזאת להביא ניצוצי אורה בבית המרביצי תורה החשובים, וזכות תורתם של תינוקות של בית רבן יעמוד להם ולזרעם אחריהם, ויתברכו בכל משאלות לבביהם לטובה, ונזכה כולנו לאכול מן הזבחים ומן הפסחים בעיה"ק ירושלים בקרוב ממש, עם מלכנו בראשנו אמן.

**המברכים מקרב הלב המנהלים:**

**אהרן צבי ברילל יוסף גרינוואלד**

# חסידים דערציילן

עובדות, מאמרים, וסיפורי חסידים על כ"ק מרנן רבותינו הק' קמא קמא דמטא לידן

**בדיקת חמץ**

### סיפר המשב"ק הרה"ח ר' **משה אליעזר גרינוואלד** הי"ו:

**פעם** אחר בדיקת חמץ שח **כ"ק מרן זצוק"ל** אודות הנחיצות לבדוק היטב את החמץ בכל הבית, וסיפר מרן ז"ל מה שאירע פעם אצל **כ"ק מרן הקרן לדוד זי"ע**, שבעת שבדק את החמץ פתח אחד מארגזי הבית אשר בדרך כלל לא השתמשו בו, ומצא מונח שם עוגה גדולה ויפה.

**נתברר** הדבר, שכידוע אהב מרן הקרן לדוד את הבחורים אהבת נפש, והבחורים הסתובבו בבית כאחד מבני הבית, וכמה פעמים **כשהרבנית הצדיקת פערל ע"ה** היתה אופה מאכלים טובים לא עברו מספר דקות עד שהבחורים כבר אכלו הכל. ולכן אירע פעם, שהרבנית אפתה עוגה יפה, ולא רצתה שהבחורים יאכלוהו, והניחה את העוגה תיכף אחר האפיה באותו ארגז ואחר כך שכחה את כל הענין, ועכשיו כשהגיע מרן הקרן לדוד לבדוק את החמץ, פתח את הארגז ומצא שם החמץ.

*

**קרבן פסח בימינו**

### סיפר הרה"ח ר' **שלום בער ווינטער** הי"ו (ברעזאווא - לאנדאן):

**שמעתי** ממורי **הגה"צ רבי ברוך צבי הכהן מאשקאוויטש זצ"ל אב"ד פאקש** שהיה מרבה לדבר גדולות איך היה נראה לילי פסח בצל הקודש של רבו **כ"ק מרן הקרן לדוד זי"ע**. הוא סיפר בערגה אודות 'הלל הגדול' כשמרן הקרן לדוד היה חוזר הרבה פעמים על הפסוק 'שבשפלנו זכר לנו כי לעולם חסדו', והיה אומר גוזמא שמרן הקרן לדוד היה יכול לחזור על פסוק זה כמה מאות פעמים.

**עוד** העיד לי מורי הרב מפאקש מה שראו עיניו ולא זר, שבעת שאכל מרן הקרן לדוד מהכזית 'אפיקומן', היו רואים בחוש שנוטפים שומן על זקנו, כמו שידוע על כמה **מתלמידי בעל שם טוב זי"ע** שראו אצלם כך, והגידו צדיקים על זה שאליהו הנביא זכור לטוב מגיע אצלם ונותן להם חתיכה מהקרבן פסח שהוא מקריב בבית המקדש של מעלה[א].

*

**שבשפלנו זכר לנו**

### סיפר הרה"ח ר' **ישעי' שבתי זאפיר** ז"ל (האלאש - וומס"ב):

**אבי הרה"ח ר' מאיר זאב סאפיר ז"ל** זכה להסתופף וללמוד בצל קדשו של **כ"ק מרן הקרן לדוד זי"ע** בעיר ווישאווא בתקופת מלחמת עולם הראשונה, והיה מרבה לספר אודות לילי הסדר שזכה לחזות בנועם צלו הק'. אצל הסדר נקבצו באו אצלו כל בחורי הישיבה מקרוב ומרחוק, וכמה בחורים היתה אכסנייתם רחוקה מאוד באזור אחר של העיר ווישאווא שהיה מחולק לכמה אזורים (אויבער-ווישאווא, אונטער-ווישאווא, ועוד), אבל כולם הלכו רגלי למשך שעה

---

**א.** ראה הגדת אגודת אזוב (בהג"ה בתורות על הא לחמא עניא), מה שמעתיק כ"ק מרן זצוק"ל מהגדת דברי חיים, מה שאמר הרה"ק מצאנז זי"ע שצדיקים זוכים לאכול בפועל חתיכת קרבן פסח, ועיי"ש מה שמסיים: "די וואס זענען נישט דערביי אז אליהו זאל זיי ברענגען נאר זיי האלטן זיך אין צדיקי הדור און גלייבן אז צדיקים עסן, איז אזויווי זיי וואלטן אליין געגעסן, עטץ וועטס מיינען ברוחניות, טאקע בגשמיות א שטיק קרבן פסח". ומפטיר שם: "און די וואס גלייבן, איז אזויווי זיי וואלטן געגעסן".

ארוכה, כדי להיות באותם רגעים נעלים בהיכל המלך, אשר מעולם לא שכחו את שתי הלילות הללו.

**היה** לו למרן הקרן לדוד נוסח מיוחד על 'הלל הגדול', ה"ה הנוסח מה ששמענו כל השנים אצל **כ"ק מרן זצוק"ל** באותו נוסח ובאותה להבה, ובמיוחד היה מאריך בריקודים אצל הקטע 'שבשפלנו זכר לנו כי לעולם חסדו' שהיה שר שוב ושוב כמה פעמים.

**בשעות** של אשמורת הבוקר אחר הסדר המרומם היו הבחורים ברוח קדושה של התעלות והתרוממות, וכשחזרו המוני בחורים את הדרך הארוכה לאכסנייתם שרו ורקדו משך כל הדרך על הפסוק 'שבשפלנו זכר לנו כי לעולם חסדו' באותו ניגון של מרן הקרן לדוד, ואף שזה היה בעת תקופת המלחמה והיה כרוך בסכנה גדולה לא הביטו כלום על זה, רק שרו ורקדו כל הדרך תחת הרושם העז של ליל הסדר אצל מרן הקרן לדוד

*

### דביקות אצל הסדר

## סיפר הרה"ח ר' **יושע קלמן גאלדבערגער** הי"ו:

**פעם** תחת אחד השיחים של **כ"ק מרן זצוק"ל** עם **כ"ק האדמו"ר הברך משה מסאטמאר זצ"ל**, דיבר הברך משה עם מרן ז"ל אודות הידידות ואהבה עזה ששררה בין אביו **הרה"ק העצי חיים מסיגוט זי"ע** עם **כ"ק מרן הקרן לדוד זי"ע**, ונסובה השיחה אודות מרן הקרן לדוד, אז סיפר לו מרן ז"ל שפעם אחר עבודת הקודש בעריכת הסדר ליל פסח היה מרן הקרן לדוד ברוח מרומם עד כדי התפשטות הגשמיות, ואחר שגמר שיר השירים בדביקות נשגבה, נתלהב עד מאוד ואמר בהתלהבות ובדביקות את הקאפיטל 'הודו לה' כי טוב' שאומרים ערב שב"ק בתפלת מנחה

*

### תפלה בזמן

## סיפר המשב"ק הרה"ח ר' **משה אליעזר גרינוואלד** הי"ו:

**פעם** בערב פסח שחל בשבת אמר **כ"ק מרן זצוק"ל** בדרך צחות, שערב פסח שחל בשבת יזמין את החסידים לדין תורה, כי יום זה מראה שיכולים להתפלל שבת בזמן מוקדם. והפטיר בזה מרן ז"ל שידוע שאם מקיימים פעם אחת מצוה אחת בשלימות, יכולים להעלות בזה מה שלא קיימו את המצוה בשלימות בשאר זמנים, ולכן על ידי התפלה בזמנה בערב פסח שחל בשבת, מעלים בזה כל השחריתים של יום השבת שלא היו בזמן[ב].

*

### מנהג אבותינו בידינו

## סיפר הרה"ח ר' **אייזיק שווארץ** ז"ל (ראה"ק דקהלתנו מאנסי):

**בבית** הורי הקפידו שבחג הפסח לא השתמשו בשמן רק בשומן (-שמאלץ) כמו שדקדקו אצל רבותינו הק'. אחר נישואיי ראיתי שבבית חותני אין מקפידים על זה ומשתמשים עם שמן בחג הפסח, שאלתי את **כ"ק מרן זצוק"ל** מה עלי לעשות, הורה לי מרן ז"ל: "א מנהג וואס מ'האט פונדערהיים דארף מען אנהאלטן", והורה לי לדקדק הלאה בכל התוקף שלא לאכול מאכלים העשויים משמן.

**ב.** הועתק בקונטרס 'השבת הגדול' (תשפ"ה) נתחבר על ידי הרה"צ רבי פינחס חיים שליט"א רב דקהלתנו מאנסי.

מבקשים אנו מאנ"ש שכל מי שיש לו איזה עובדא או רשימה ממרנן רבותינו הק' ויבלחט"א כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א שישאיר הודעה להאספן הרב **מנחם מענדל אבערלאנדער** הי"ו על הקו המיוחד 5548-450(646)

עלוני בקודש פנימה

כל הזכיות שמורות ל'מערכת פאפא'

718.480.7872

להערות והארות, אפשר להשאיר הודעה בקו המערכת **כפתור 9 > 0**

מערכת פאפא

ארײנצולײגן אײער מודעה אדער 'מזל טוב' פארבינדט אײך אויף:

**929.441.0890** ביז מיטוואך 2:00 נאכמיטאג